# געשמאקע ענינים

## בדרך דרוש וחסידות

שיעורי הרב משה יצחק
אויסטערליץ שליט"א

ראש השנה
תשפ"ה

# נתנדב ע"י

שאר דרשות עה"ת ומועדים
ניתן לשמוע בקו 'קול התורה' דחסידי סקווירא
845-678-8363 > 2 > 4 > 7
שיעורים חדשים ראש השנה תשפ"ה #801

**לקבל הגליון ע"י Email מדי שבוע, בס"ד**
**נא לשלוח מודעה לאדרעס**
**Geshmak@Koshermail.net**

**להערות והארות – וכן ליטול חלק בהוצאת השיעורים לאור עולם,**
**נא להשאיר מודעה על מספר הטעלעפאן:**
**845-540-2180 או ע"י Email אדרעס הנ"ל**

# תוכן הענינים-ראש השנה


## פרק א: די סגולה פון 'מפטיר חנה'.........................................ד'

"ואפילו נזירות שמשון" / מבטל זיין 'נזירות שמשון'?! / דער אומדירעקטער קשר צו ראש השנה / יום פקידה / "לאו דווקא..." / די סגולה'דיגע עליה / א סגולה פארן גאנצן ציבור / א סגולה אויף אגאנץ יאר / 'אם יולדת השבעה' / א סגולה אויף 'רני עקרה'

## פרק ב: זיך לערנען דאווענען פון חנה.........................................יא'

'אפילו נזירות שמשון' ביי שמואל הנביא / שמואל אלץ נזיר / די לימודים פון 'הנצבת עמכה' / 'שטיין פעסט' זיך נישט לאזן שטערן / די שאלות פון 'עלי הכהן' / אלע יארן ביז דעם יאר / די עצה פון קומען נאכמיטאג / די ערשטע מאל מיט 'ישוב הדעת' / אוועקנעמען מחשבת 'פיגול' / 'חוץ לזמנו' און 'חוץ למקומו' ביים דאווענען / בטחון אז ער איז אויפ'ן ריכטיגן פלאץ און זמן / "והגיון לבי"

## פרק ג: די פקידה פון 'רחל אמנו' אום ראש השנה...........................כ'

די דריי וואס זענען נפקד געווארן אום ראש השנה / פארוואס מאכט מען נישט קיין מצב פון רחל? / די שמועס איבער דערמאנען 'וה' פקד' ביי זכרונות / רחל האט נאר עטליכע שבטים / "מצבת קבורת רחל" / "נקראין ישראל על שם רחל" / א מציבה, צו ווייזן די מעלה פון רחל / אויסלאזן 'יוסף הצדיק' ביים 'מי שברך לחולה' / די פקידה פון רחל דערמאנט 'יוסף הצדיק' / דער טשערנאבילער מגיד זי"ע מיט רחל אמנו / 'רחל' - אין די הפטורה ב' דראש השנה / אן עדות אויף דעם 'יום הדין' / יוסף איז זיך משטתח ביים מצבת קבורת רחל / לאנגע יארן ביז מ'האט איינגעזעהן דעם אמת / נעמען חיזוק אויף דעם הבטחה פון 'מנעי קולך מבכי' / די עדות פון יוסף / רחל ווארט אויף די ענדגילטיגע 'ושבו בנים לגבולם'

## פרק ד: 'וישוכו המים' מיט א טיפערע באדייט................................ל'ג

געדענקט נח, אדער כלל ישראל? / אלס צוליב די אהבה צו כלל ישראל / א קאכעניש ביי 'וישוכו המים' / "לשון הנחת חימה" / מדת הדין איז מסכים צום רחמים / געדענקן דעם מבול / "ושמך נורא על כל מה שבראת"

## פרק ה' "שלאפן ראש השנה"..................................................ל'ח

פארוואס פונקט פערצן יאר? / עבודה פון לערנען - די זעלבע יארן ווי די עבודה מיט די שער / לויט'ן פלאן איז עס דאך נאר זיבן יאר?! / עבודה פון "נישט שלאפן" / אין א ביהמ"ד טאר מען זיך נישט "לייגן" שלאפן / די נעמען "רחל" און "לאה" קומען פון הימל / צוויי טעג ראש השנה - "רחל" און "לאה" / כח פון שבת - א גאנצע יאר פון שותפות / מאכן **די הכנה פאר "רחל" און "לאה" - זיצנדיג אין ביהמ"ד... / ראש השנה "שלאפט מען נישט"... / שפעטער האט ער געוואלט נאר רחל? / ווען מ'קומט נענטער** זעט מען די ביטערע מציאות... / די ארבעט איז שווערער ווי כ'האב געמיינט... / **"אזא" ארבעט - וויל איך נאר "רחל"... / סוד פון "הבל" מיט יארן און ברכות פון יעקב אבינו / יעקב אבינו לערנט ביז מ'קומט אן צו "מזל"**

# פרק א: די סגולה פון 'מפטיר חנה'

## "ואפילו נזירות שמשון"

אינעם נוסח פון **התרת נדרים** וואס מ'פירט זיך צו זאגן זיין ערב ראש השנה, בעט מען פון די דיינים מומחים אז זיי זאלן מבטל זיין די נדרים און שבועות, און מ'דערמאנט דערביי יעדע סארט לשון וואס מ'האט נאר ארויסגעזאגט וואס קען האבן א חשש נדרים, אז יעצט פאר ראש השנה אנפאנג יאר זאל מען אלעס מבטל זיין.

מ'דערמאנט דארט אינעם נוסח דריי ווערטער, ווען מ'בעט דארט אז מ'זאל מבטל זיין 'נזירות', דאס איז דאך אויך א חלק און הלכות נדרים, [הייינטיגע צייטן אז ס'מאכט זיך אז א מענטש איז מקבל אויף זיך נזירות איז זייער שווער צו מקיים זיין אלעס כהלכה, ווייל מ'קען דאך נישט ברענגען די קרבנות ווען מ'ענדיגט די נזירות, און ווי מ'זעט דא, דארף מען דערויף זוכן עצות מתיר צו זיין די נזירות], דערמאנט מען דארט 'כל מיני נזירות' און מ'לייגט צו די ווערטער **'ואפילו נזירות שמשון'**, אפילו מ'האט זיך מקבל די נזירות וואס שמשון הגיבור האט געהאט, בעט מען אצינד אז די דיינים זאלן עס מבטל זיין.

## *מבטל זיין 'נזירות שמשון'?!*

אויף דעם איז דא א שטארקע טענה וואס דער **פתחי תשובה** שטעלט זיך דערויף אין הלכות נדרים (יו"ד סימן רלט ס"ק ו): לכאורה דער נוסח וואס איז געדורקט אין די מחזורים איז נישט אויסגעהאלטן, וויבאלד מ'זעט אין גמרא און אין הלכה אז די נזירות וואס שמשון הגיבור האט מקבל געווען אויף זיך איז אזא סארט וואס 'אין לו התרה', מ'קען עס נישט מתיר זיין, ממילא, **וויאזוי קען מען דא בעטן אז מ'זאל אים מתיר זיין 'אפילו נזירות שמשון', א זאך וואס איז קעגן די הלכה און מ'קען דאס נישט מתיר זיין?!** דאס איז לכאורה די סיבה פארוואס אין אסאך סידורים איז עס איינגערינגעלט און אין אסאך סידורים שטייט עס בכלל נישט[א], דאס איז געבויט אויף די פתחי תשובה און נאך פוסקים וואס האבן געהאלטן אז וויבאלד על פי הלכה ארבעט עס נישט, זאל מען נישט בעטן פון די דיינים מומחים אז מ'זאל דאס מתיר זיין.

---

א. און די סידורים כפי נוסח ומנהגי סקווירא איז יא אריין געדרוקט לויטן נוסח פון די אלטע מקורות וואס פלעגן עס דרוקן ווי געוועגליך.

דער **קצה המטה** אויף **מטה אפרים** איז שטארק מאריך מיישב זיין וויאזוי דאס קען יא שטימען. איין מהלך וואס ער ברענגט, איז אז דאס וואס ס'שטייט אין די גמרא און אין די פוסקים אז מ'קען עס נישט מתיר זיין, דאס ווענדט זיך וויאזוי מ'האט דאס געמאכט: אויב מ'האט מקבל געווען סתם אזוי אויף זיך נזירות שמשון דעמאלס קען מען עס טאקע נישט מתיר זיין, אבער **אויב מ'האט עס מקבל געווען אויף זיך צוליב עס א דבר טוב צי ווייל מ'וויל זיך קנס'נען אויף עפעס אלץ א תיקון נשמה; ער האט עס מקבל געווען מיט א סיבה, דעמאלס איז שוין יא שייך התרה אזוי ווי אויף אנדערע נדרים**, און מ'דארף איינטייטשן אז ווען מ'בעט די דיינים עס מתיר צו זיין מיינט מען עס באופן וואס מ'קען עס מתיר זיין. אוודאי אויב מ'מאכט נזירות שמשון באופן וואס מ'קען נישט, אוודאי בעט מען נישט דאת מתיר צו זיין, אבער ס'איז דא א היכי תמצא פון א נזירות שמשון וואס מ'קען יא מתיר זיין און דאס מיינט מען דא צו בעטן.

## דער אומדירעקטער קשר צו ראש השנה

דאס איז א שמועס אויפן שפיץ גאפל וואס באלאנגט צום חלק פון התרת נדרים פון ערב ראש השנה, וואס בפשטות האט עס נישט אזוי ווייט צו טון מיטן עצם עבודה פון ראש השנה אליין, ס'איז נאר א גמרא אין **נדרים** (כג:) אז דאס איז פשוט אן עצה פאר די נדרים פון א גאנץ יאר 'הרוצה שלא יתקיימו נדריו כל השנה יעמוד בראש השנה ויאמר כל נדר שאני עתיד לידור יהא בטל', און דאס איז אויך דער טעם פון כל נדרי וואס מ'זאגט ערב יו"כ, ווי דער **ר"ן** איז מאריך אין מסכת נדרים ווען ס'איז די בעסערע זמן צי ערב ראש השנה צי ערב יו"כ, און אונז פירן זיך אז מ'איז מקיים ביידע. אוודאי על פי פנימיות האט עס יא א גרויסער שייכות, ווייל דער ענין פון נדר איז מרמז אויף נ' ד"ר אויפן עולם הבינה עלמא דחירות וואס ברענגט גרויסע המתקות וואס ליגן אינעם ענין פון התרת נדרים. און מ'האט טאקע געזען ביי רבותינו הקדושים א גרויסע עבודה די התרת נדרים איז געווען. אבער בפשטות דירעקט טרעפט מען נישט קיין קשר צו די עבודה וואס מ'איז עוסק אין ראש השנה, מיט התרת נדרים.

בנוגע דער ענין פון נדרים און צוזאמענהאנג מיט ראש השנה, איז דא א גאנצע לומדות צי איינער איז מודר הנאה פון א שופר אויב ער קען יוצא זיין תקיעת שופר דורך דעם שופר, ס'איז דא זייער אסאך פלפולים און אינטערעסאנטע סברות צי מ'מעג יוצא זיין פון דעם שופר און צי מ'קען אליין בלאזן מיט דעם. לויט דעם איז יא דא א נאנטע קשר פון התרת נדרים צו ראש השנה, ס'איז נוגע להלכה ווען א איד האט געמאכט אזא נדר וויאזוי קען ער מקיים זיין מצות תקיעת שופר...

*

מ'ווערט זיך באציען צו א חלק פון ראש השנה וואס דארט ווערט טאקע נאכאמאל דערמאנט די ענין פון נדר און נזירות, און אפילו די נזירות שמשון ווערט דארט נאכאמאל דערמאנט, אין אן ענין וואס מ'איז עוסק בעצם יום ראש השנה.

## יום פקידה

דער **בני יששכר** ברענגט ביי חנוכה, אז **מתתיהו** איז די גימטריא פון **ראש השנה**, ברענגט ער דארט אז 'חנוכה' איז אויך א 'זמן פקידה' אזוי ווי ראש השנה וואס איז מסוגל אויף פקידת עקרות, וויבאלד מתתיה"ו באטרעפט ראש השנה, זעט מען אז חנוכה האט דער זעלבער כח ווי ראש השנה

אבער אין די ענינים וואס מ'איז עוסק אין ראש השנה איז דא די הפטורה פון דעם ערשטן טאג ראש השנה, די באקאנטע הפטורה וואס רופט זיך **מפטיר חנה**, דאס איז די ערשטע צוויי קאפיטלעך פון ספר שמואל.

## "לאו דווקא..."

איך טראכט אז אפשר ארויסצוברענגען די גרויסקייט פון דעם ענין קען מען זאגן אביסל אויף א ווערטל, ס'איז דא א באקאנטע ווארט פון צדיקים אז די וועלט זאגט אז מ'פארציילט מוצאי שבת א מעשה פון **רבינו הבעש"ט הק' נבג"מ** איז עס מסוגל פאר 'פרנסה'. אויף דעם האבן צדיקים געזאגט, אז דא זענען פארהאן דריי חלקים וואס זענען לאו דוקא, **א.** ס'איז לאו דוקא מוצ"ש, נאר סיי ווען מ'פארציילט א מעשה האט עס א גרויסער כח, **ב.** ס'איז לאו דוקא פונעם בעש"ט הק', ווייל סיי וועלכע מעשה פון צדיקים האט א גרויסער כח. **ג.** ס'איז לאו דוקא א סגולה אויף פרנסה, ס'איז א סגולה אויף אלע גוטע השפעות. מ'זאגט עס פונעם **הייליגן רוזינער זי"ע** צי פון אנדערע צדיקים.

## די סגולה'דיגע עליה

אויף דעם משקל, מ'קוקט אביסל אריין אין גמרא און אין די ספרים, בפרט דער הייליגער **חתם סופר** לייגט אריין כוחות אין דער מפטיר חנה, אין די דרשות פון פאר ראש השנה האט ער זייער אסאך געזאגט און עוסק געווען אין דער הפטורה פונעם ערשטן טאג ראש השנה. קען מען זאגן אזוי, די וועלט זאגט אז **עולה זיין אויף די הפטורה פון מפטיר חנה איז עס א סגולה געהאלפן צו ווערן מיט קינדער זרע של קיימא, ס'איז א מסוגל אויף פקידת עקרות.**

[ס'איז א טאקע א מקובל'דיגע סגולה, ווי ס'איז באקאנט די מעשה פון **הרה"ח ר' ישעיה אונגער משב"ק ז"ל**, אז ער האט געוואלט קויפן מפטיר חנה

פאר זיך ווען ער האט געוואלט געהאלפן ווערן, און **כ"ק מרן דער רבי ז"ל** האט מפציר געווען ביי אים אז ער זאל עס אוועקגעבן צוליב דעם כבוד פון א בנן של קדושים **הרה"צ ר' שמחה דער טאמשוב'ער רב ז"ל**, וואס די אלטע רעבעצין ע"ה האט זייער שטארק געוואלט אים מכבד זיין, און דער רבי ז"ל האט אים געזאגט אז ער וועט נישט דערלייגן אז ער וועט עס אוועקגעבן, און כך הוה, ער האט אוועקגעגעבן די מפטיר פאר טאמשוב'ער רב, און ער איז טאקע געהאלפן געווארן יענע יאר. **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** דערציילט די מעשה, און דער רבי שליט"א באטאנט אז 'די וועלט זאגט' אז מפטיר חנה איז א סגולה פאר קינדער.]

## א סגולה פארן גאנצן ציבור

אבער ס'איז א דבר פשוט אז ס'איז נישט קיין מציאות אז יעדער איינער זאל מקיים זיין דעם ענין פון עולה זיין מפטיר, ווייל נאר איין מענטש איז דאך עולה מפטיר! קען מען אפשר זאגן אז אויף דעם קען מען אויך זאגן דריי לאו דוקא'ס: די ערשטע זאך, עולה זיין מפטיר חנה האט אין זיך גרויסע סגולות, אבער ס'איז לאו דוקא דער וואס איז עס אליין עולה, די גאנצע בית המדרש, יעדער איינער וואס זאגט די הפטורה האט אויך די סגולה און כח.

ומנא אמינא לה?! דער הייליגער **חתם סופר** שרייבט, אז די הלכה וואס שטייט אין **שו"ע** אז דריי טעג פאר ראש השנה זאל זיך שוין דער בעל תפילה צו גרייטן און זיך אפשיידן פון הבלי עולם הזה צו זיין גרייט אויף די תפילות פון ראש השנה, שרייבט דער חתם סופר אז **היינטיגע צייטן זאל מען זיך נישט פארלאזן מיט דעם אויף דער בעל תפילה, נאר יעדער איינער זאל זיך פאר זיך אליין אויך צוגרייטן דריי טעג פאר ראש השנה.** ער בויט עס אויפן פסוק וואס ס'שטייט דארט אז **אלקנה** איז שוין ארויפגעגאנגען דריי טעג פאר ראש השנה ער איז געגאנגען צוזאם רופן דעם עולם מ'זאל צוזאמען קומען און גיין צום בית המקדש, דאס איז געווען אויסצולערנען פארן עולם אז יעדער איינער זאל זיך צוגרייטן דריי טעג פאר ראש השנה. און איינע פון די סברות וואס דער הייליגער חתם סופר דערמאנט דארט פארוואס מ'קען זאגן אז היינטיגע צייטן איז נישט גענוג אז דער בעל תפילה גרייט זיך צו נאר יעדער איינער ברויך זיך אליין צוגרייטן, איין זאך דערמאנט ער דארט דעם ענין אז אמאליגע צייטן זענען די בעלי תפילות געווען אין א גרעסערע מדריגה, און אסאך מאל מאכט זיך בתי מדרשים וואס מ'נעמט אויף בעלי תפילות און מ'קוקט נישט אזוי ווייט אויף די אלע מעלות שאמרו חכמים, ממילא קען מען זיך נישט אינגאנצן פארלאזן אויף זיי.

אבער דער חתם סופר לייגט צו נאך א נקודה, אז אמאליגע צייטן איז געווען דער סדר אז די בעל תפילה פלעגט פאר זאגן די פיוטים און ער פלעגט

מוציא צו זיין דעם עולם, אווי מ'זאגט אין 'היה עם פיפיות', **'עיני עמך בם תלויות'**, דער גאנצער עולם קוקט ארויף אויף דער בעל תפילה, אלע זענען אנגעהאנגען אין אים, אבער היינט איז דאך אנדערש איינגעפירט, יעדער איינער דאווענט אליין, און **'אפילו הפיוטים והתחינות' זאגט דאך אויך יעדער איינער לעצמו 'ושופך נפשו לה'', ממילא דארף יעדער איינער זיך צוגרייטן דריי טעג פאר ראש השנה 'ולזכך מחשבתו לה'**. דער הייליגער חתם סופר איז דא מחדש אז א זאך וואס בעצם וואלט עס נאר איינער געדארפט טון און דער מנהג איז אז יעדער טוט עס, הייסט יעדער איינער אזוי ווי די בעל תפילה.

לענינינו, ס'איז מקובל אז די עליה פון מפטיר חנה האט עס אין זיך גרויסע סגולות, הגם מ'ווייסט דאך אז דער עיקר תקנה איז דאך אז די הפטורה זאגט נאר איינער, נאר די בעל מפטיר, ער האט פארגעליינט מפטיר און דער גאנצער עולם האט צוגעהערט פון אים אזוי ווי ביי קריאת התורה, אבער היינט איז דאך דער מנהג ביי אונז אז יעדער איינער זאגט אליין די הפטורה. איז פונקט ווי ביי די בעלי תפילה זאגט דער הייליגער חתם סופר אז וויבאלד יעדער איינער זאגט אליין די אלע פיוטים הייסט יעדער ווי די בעל תפילה, איז לכאורה **הוא הדין לגבי די מפטיר, אז וויבאלד יעדער זאגט אליין די הפטורה, איז די סגולה נישט מיוחד פאר'ן מפטיר, נאר יעדער איינער וואס לערנט און זאגט די הפטורה און איז זיך מדבק אין די הייליגע פסוקים האט לכאורה דעם כח.** דאס איין נקודה.

## א סגולה אויף אגאנץ יאר

נאך א נקודה וואס מ'קען זאגן אז ס'איז 'לאו דוקא', אז ס'איז לאו דוקא 'ראש השנה'. מ'קוקט אריין אין דער גמרא זעט מען כמה הלכתא גבירתא אין הלכות תפילה וואס מ'לערנט ארויס פון תפלת חנה, סיי הלכות אין פשטות פון תפילה און סיי בנוגע די פנימיות פון תפילה וואס מ'לערנט זיך ארויס פון די תפילה פון חנה. איינס פון די שטארקע זאכן וואס מ'טרעפט דארט, איז דער שם הק' **צבאו-ת, וואס** חנה איז געווען די ערשטע וואס האט געגעבן פארן אויבערשטן דעם טיטל, ווי די גמרא זאגט אז זי האט געוואלט מיט דעם מעורר זיין א לשון פון 'צבא', אז דער אויבערשטער האט דאך אזוי סאך מיליטער קען ער זיכער נאך איר געבן א קינד.

דער הייליגער **בני יששכר** ברענגט סיי און 'בני יששכר' (אלול) און סיי אין זיין ספר **מגיד תעלומה** אויף ברכות, אז דאס ווארט צבאו-ת וואס חנה האט

דערמאנט איז אזא יסודות'דיגע ווארט, ס'איז כולל גאנץ דאווענען. וואו ליגט אין די איין ווארט צבאו-ת גאנץ דאווענען? זאגט דער הייליגער 'בני יששכר' אזוי: אין דאווענען איז דא אכצן ברכות, און די גמרא זאגט אז די אכצן ברכות דאס איז קעגן די אכצן שמות הק' וואס זענען דא אין דער קאפיטל 'מזמור לדוד' (תהלים כט). ס'איז דאך אבער דא נאך א שם, נישט שם הוי"ה נאר דער שם 'קֵל', 'קל הכבוד הרעים', קעגן דעם שם האט מען מתקן געווען די ניינצנטע ברכה **ולמלשינים**. סך הכל זענען דא ניינצן ברכות קעגן די אכצן מאל הוי"ה און דאס איין מאל שם קל, צוזאמען 18 מאל **הוי"ה** מיט 1 מאל **א"ל** באטרעפט כמספר **צבאו"ת**. דאס ווארט וואס חנה האט דערמאנט, דאס איז א יסודות'דיג ווארט וואס נעמט אריין אלע שמות פון אלע ברכות פון שמו"ע. קומט דאך אויס אז די תפילה פון חנה איז נישט נאר אן התעוררות אויף ראש השנה, ס'איז אן התעוררות פון די תפילה פון א גאנץ יאר.

דער אמת איז אז ס'איז נאך פיל שטארקער: ראש השנה איז דאך די איינציגסטע טאג וואס מ'דאוונט א תפלה פון ניין ברכות, [אין די צייטן פונעם בית המקדש איז יום כיפור אויך געווען ניין ברכות], דערמאנט מען אין דעם פייט פון שחרית פון ראש השנה ביי די ברכה פון אתה גבור, מִסְפַּר שָׁתוֹת וְחוֹתְמֵיהֶן תִּשְׁעָה, לְמִנְיַן פִּלּוּל שֵׁמוֹת תִּשְׁעָה, כְּחִנְּנָה עֲקָרָה יָלְדָה שִׁבְעָה. דאס איז א גמרא סיי אין בבלי און סיי אין ירושלמי ברכות, אז פארוואס דאווענט מען ניין ברכות, דאס איז קעגן די תפילה פון חנה וואס האט געהאט אין זיך ניין מאל שם הוי"ה 'כחיננה עקרה ילדה שבעה', אזויווי ס'האט מתפלל געווען די עקרה וואס האט געבוירן זיבן. קומט אויס אז בשעת מ'זאגט די הפטורה פון דעם ערשטן טאג ראש השנה דארף מען שוין דעמאלס טראכטן די ניין שמות, און מ'גרייט זיך שוין דעמאלט אויף די גרויסע תפילות פון די מלכות זכרונות שופרות מיט די ניין ברכות וואס ליגט אין דעם ניין מאל דער שם הוי"ה.

## ['אם יולדת השבעה'

אגב: אמאל ראש השנה ביים זאגן דעם שטיקל פייט איז מיר שווער געווארן, און שפעטער האב איך גערעדט מיט נאך א אינגערמאן וואס פאר אים איז עס אויך שווער געווען, מ'דערמאנט א לשון אז חנה אין אן **'עקרה ילדה שבעה'**, עקרה וואס האט געבוירן זיבן, ס'קוקט אויס כאילו זי האט געהאט זיבן קינדער, ווען מ'הערט די ווארט חנה קען מען זיך אויסמישן מיט חנה ושבעה בניה אן אנדערע צדיקות וואס האט געהאט זיבן קינדער, אבער די חנה האט דאך נישט געהאט קיין זיבן, זי האט נאר געהאט איין קינד, ס'איז אינטערעסאנט אז ס'איז די זעלבער נאמען 'חנה', און מ'רופט איר אן אן 'עקרה ילדה שבעה'.

בעצם איז דאס א לשון הפסוק אין די תפלה פון חנה (שמואל א' ב ה). און **רש"י** ברענגט דערויף עטליכע דעות בשם המדרש: איין דעה האלט אז חנה האט יא געהאט עטליכע קינדער, דריי זיהן און צוויי טעכטער, און יעדע מאל ווען חנה האט געבוירן האט פנינה פארלוירן צוויי פון אירע צען קינדער, און פאר חנה האט געבוירן די פינפטע קינד איז פנינה געפאלן צו איר פוס אין געבעטן זי זאל רחמנות האבן אויף איר, און חנה האט געבעטן רחמים און די לעצטע צוויי קינדער זענען פארבליבן, און זיי ווערן אנגערופן אויף חנה'ס נאמען, וואס צוזאמען מיט אירע אייגענע קינדער קומט דאס אויס צו 'ילדה שבעה'. א צווייטע דעה האלט אז מ'רעכנט אויך די בני בנים וואס זענען נקראים בנים. א דריטע דעה איז, אז דאס גייט ארויף אויף 'שמואל', ווייל דאס ווארט '**שבעה**' איז בגמטריא '**שמואל**'.]

ממילא, דער ענין פון מפטיר חנה איז נישט דוקא א זאך וואס האט דוקא שייכות צו ראש השנה, ס'איז כולל אלע יסודות פון כח התפילה פון א גאנץ יאר, און במיוחד די ניין ברכות פון די מוסף פון ראש השנה.

## א סגולה אויף 'רני עקרה'

און ס'איז 'לאו דוקא' א סגולה אויף קינדער, ס'איז אויך איינע פון די שטארקע ענינים אז אידישע קינדער זאלן געהאלפן ווערן מיט קינדער און די קינדער וואס וועלן געבוירן ווערן זאלן וואקסן ווי ס'דארף צו זיין בגשמיות וברוחניות, אבער דער ענין פון פקידת עקרות שטייט אין אלע ספרים אז ראש השנה ווען מ'איז פארנומען מיט א זמן פקידה מיינט עס נישט נאר בפרטות דאס, ס'גייט ארויף בכלל אויפצווועכטן כלל ישראל. די גמרא איז פארנומען מיט די פסוקים פון '**רני עקרה לא ילדה**', אלע פסוקים וואס רעדן פון די גאולה איז מען מדמה כנסת ישראל ירושלים צום ענין פון עקרה וואס ווערט אויפגעראכטן, **ווען מ'רעדט פון די סגולה פון פקידת עקרות, מיינט מען אויפצווועכטן אלע אידן מיט אלע ענינים און בעיקר מיט די גרויסע 'רני עקרה לא ילדה'**, וואס דאס וועט זיין די גרעסטע שמחה ווען מ'וועט זוכה זיין צום גאולה שלימה.

האבן מיר דא אלע דריי חלקים: סיי אז יעדער איינער האט דעם כח; סיי אז א גאנץ יאר נוצט מען דעם כח פון חנה; און סיי אז דער ענין פון פקידת עקרות איז נישט נאר א סגולה פאר קינדער, נאר **צאצאיה כן פקוד לטוב** אין אלע ענינים.

* * *

# פרק ב: זיך לערנען דאוועגען פון חנה

## 'אפילו נזירות שמשון' ביי שמואל הנביא

ווען מ'זאגט די הפטורה פון חנה, געבט מען א פריש איבער דער שמועס וואס מ'האט דערמאנט ביי התרת נדרים **'אפילו נזירות שמשון'**, וואס אפשר פון דאס עצם זאגן די ווערטער וואלט מען עס נישט געטראפן אין די ווערטער, אבער נישט לאנג צוריק האט מען דאך געזאגט **תיקון ליל שבועות**, ביי די לעצטע משנה אין **מסכת נזיר** דערמאנט מען דארט א פסוק וואס איז א חלק פון די תפילה פון חנה. קודם דאס עצם זאך טרעפט מען דא צוויי מאל דעם ענין פון א נדר, קודם חנה האט געמאכט א נדר אז אויב זי וועט האבן א קינד וועט זי אים מקדיש זיין פארן אויבערשטן, און שפעטער טרעפט מען אויך אז ווען אלקנה איז ארויפגעגאנגען נאכאמאל צום בית המקדש **לזבוח לה' את זבח הימים ואת נדרו**, רש"י זאגט דארט אז ס'מיינט די נדרים ונדבות וואס ער האט געהאט דורכן יאר איז ער געגאנגען באצאלן די נדרים. דערמאנט מען צוויי דעם ענין פון די נדרים. אבער דער עיקר וואס איז א שמועס, אז ווען חנה האט זיך אונטערגענומען אז טאמער דער אויבערשטער וועט איר העלפן **ונתת לאמתך זרע אנשים ונתתי לה' כל ימי חי ומורה לא יעלה על ראשו**. וואס טייטשט די ווערטער 'ומורה לא יעלה על ראשו'?

געדענקט מען אוודאי די לעצטע משנה אין מסכת נזיר, אז דאס איז א מחלוקת פון רבי נהוראי און רבי יוסי צי **שמואל הנביא** איז געווען א נזיר. מהיכי תיתי אז ער איז געווען א נזיר? ווייל דא שטייט א פסוק אז זי האט זיך אונטערגענומען 'ומורה לא יעלה על ראשו', און פארדעם איז דאך געווען **שמשון הגיבור**, וואס ביי אים שטייט דאך אזא לשון, דעמאלס ווען דער מלאך האט זיך מגלה געווען צו דער מאמע און געזאגט **נזיר אלקים יהיה הנער** אז דאס קינד וואס מנוח מיט זיין ווייב וועלן האבן זאל זיין א נזיר כל ימי חייו, שטייט אויך דעם זעלבן לשון **ומורה לא יעלה על ראשו**. לערנט רבי נהוראי ארויס אז פונקט ווי ביי שמשון מיינט דאס אז ער זאל זיין א נזיר און זאל זיך קיינמאל נישט אפשערן, זעט זיך אויס אז חנה האט זיך אויך אונטערגענומען אויף זיך אז דאס קינד וואס וועט געבוירן ווערן וועט אויך זיין א נזיר פונקט ווי שמשון הגיבור, ממילא **נאמר בשמשון מורה ונאמר בשמואל מורה, מה מורה האמור בשמשון מיינט נזירות, איז ביי שמואל אויך געווען נזירות**.

אבער ר' יוסי קריגט זיך און ער פארטייטש דעם 'מורה' אז דאס איז א לשון פון 'מורא' מיט אן א', אז ער וועט נישט האבן קיין מורא פון קיינעם. דער מדרש אין ספר שמואל זאגט אז 'מורה' - א גאל מעסער, נעמט זיך אויך פונעם

לשון 'מורא', מיט אן אינטערעסאנטער הסבר, ווייל די האר האט נישט מורא פון קיינעם נאר פון א גאל מעסער. דאס וואס מ'רופט א גאל מעסער מורה איז אויך מלשון מורא. דארט שטייט מורה מיט א ה' און מיט א א',

## שמואל אלץ נזיר

לויט רבי נהוראי, טרעפט מען אין דעם פסוק אז **שמואל הנביא איז געווען א נזיר אזוי ווי שמשון הגיבור, ער האט געהאט דעם ואפילו נזירות שמשון וואס מ'האט נעכטן ביי התרת נדרים געשמועסט**, היינט טרעפט מען טאקע אזא מעשה אז חנה האט זיך אונטערגענומען פאר איר זינס וועגן אז ער וועט האבן א נזירות שמשון. ס'איז דא זייער אסאך שיינע שמועסן אויף דעם, מ'גייט דורך די גאנצע לעבן פון שמואל פארשידענע מעשיות און מ'טראכט צי ס'קען שטומען מיט דעם אז שמואל איז געווען א נזיר.

איך האב געזען צו ברענגען א שיינעם שמועס פונעם **נודע ביהודה** אין זיין ספר **דורש לציון**, וואו ער שטעלט זיך אז אויב שמואל איז געווען א נזיר וויאזוי קען זיין אז ער האט צעשניטן דעם רשע אגג, ווי מען דערמאנט אין די הפטורה פון שבת זכור 'וישסף שמואל את אגג', כאטש ער איז געווען א גוי און אפילו מ'וועט זאגן אז א גוי איז נישט מטמא, איז עס נאר אז ער איז נישט מטמא באוהל אבער במגע איז ער יא מטמא, **וויאזוי האט ער געקענט זיך מטמא זיין און צעשניידן אגג אויף שטיקער?** ער גייט אריין אין א גאנצע שיינע לומדות אז עשה דוחה לא תעשה, און נאך פארשידענע ענינים וואס ער איז דארט דן די הלכה'דיגער חלק אויב מ'וויל אפלערנען אז שמואל איז טאקע געווען כל ימיו א נזיר. אבער דאס איז די שיטה פון רבי נהוראי אז נדר פון חנה איז געווען אז שמואל וועט זיין א נזיר לה' כל ימיו ומורה לא יעלה על ראשו.

*

באמת וויל מען בעיקר צוקומען צום ענין וואס מ'האט געשמועסט אז די גרויסע זמן פון ראש השנה איז א זמן פקידה, וואס צוליב דעם זאגט מען די הפטורה פון חנה ווייל חנה איז דאך נפקד געווארן אין ראש השנה, ווי די גמרא לערנט ארויס אין מסכת ראש השנה אז דריי צדקניות זענען נפקד געווארן אין ראש השנה **שרה, רחל וחנה**. די ספרים ברענגען א רמז אז די ווארט **שופ"ר** איז ר"ת **פ'קידת ש'רה ר'חל ו'חנה**. מיטן אויבערשטנ'ס הילף וועט מען בעיקר צוקומען צום מקור פון וואו מ'לערנט ארויס די אלע פקידות, לערנט מען אלס ארויס פון רחל.

אבער קודם וועט מען דערמאנען, צוויי פרטים אין יסוד פון תפילה וואס איז נוגע אויף א גאנץ יאר און בפרט אין ראש השנה וואס מ'לערנט זיך ארויס פון די תפילה פון חנה.

## די לימודים פון 'הנצבת עמכה'

די גמרא ברענגט אין מסכת ברכות די הלכה אז מ'טאר נישט שטיין **בצד המתפלל**, און די גמרא לערנט עס ארויס פון דעם לשון וואס **חנה** האט געזאגט פאר **עלי הכהן**, ווען 'עלי הכהן' האט געוואלט אוועקנעמען **שמואל הנביא** אלס קליין קינד, ווייל ער איז געווען א מורה הלכה בפני רבו, און 'חנה' האט אים דערמאנט **אני האשה הנצבת עמכה בזה להתפלל אל ה'**, איך בין די פרוי וואס איז געשטאנען צוזאמען מיט דיר דריי יאר צוריק און מתפלל געווען געהאלפן צו ווערן. און די גמרא איז מדייק פון דעם אז ווייל ס'שטייט **הנצבת עמכה בזה** אז מ'טאר נישט זיצן נעבן מיט איינער וואס דאווענט שמו"ע.

וואו איז דער לימוד? **רש"י** זאגט אז דער לימוד איז, ווייל זי זאגט אז איך בין די פרוי וואס איז געשטאנען צוזאמען מיט דיר. איז משמע אז ווען חנה איז געשטאנען און געדאווענט איז עלי אויך געשטאנען, איי ער האט דאך דעמאלטס נישט געדאווענט? איז א ראיה אז ווען איינער דאווענט טאר מען נישט זיצן דארט, ממילא אז זי איז געשטאנען און געדאווענט שמו"ע איז עלי אויך דארט געשטאנען.

**תוספות** לערנט א צווייטע וועג, אז מ'וועט אריינקוקן בשעת'ן זאגן די הפטורה און מ'וועט זאגן דאס ווארט **'עמכה'**, וועט מען זען אז ס'שטייט דארט עמכה אנדערש ווי געווענליך, געווענליך שטייט **עמך**, און דאס שטייט **עמכה**, דאס איז מרמז "עמכ" "ה", אז עלי הכהן איז געשטאנען אין די פיפטע אמה פון חנה, ס'איז געווען פיר אמות וואס חנה האט געדאווענט, און **עלי הכהן** האט זיכער געמאכט נישט צו שטיין אין די ד' אמות, נאר אין די **אמה החמישית**.

## 'שטיין פעסט' זיך נישט לאזן שטערן

אפשר קען מען זאגן אז עס איז דא נאך א עבודה'דיגע לימוד וואס מען לערנט ארויס פון דעם פסוק **'הנצבת עמכה'**, דער לשון פון 'נצב' [וואס עס איז אויך נוגע דעם שבת אין פרשת **נצבים**] מיינט געווענטליך ווען איינער שטייט מיט א פעסטקייט, וואס דא מיינט עס אז אפילו ווען איינער קען געשטערט ווערן פונעם דאווענען, און זאכן קענען אים מבלבל זיין, שטעלט מען זיך אוועק און פרובירט זיך צו שטארקן אויף די טרדות און שטערונגען אויף די עגמות נפש צו קענען דאווענען בכוונה.

און דא זעהט מען אז **חנה** נוצט א לשון אז איר דאווענען איז איר נישט אנגעקומען לייכט, ווען זי האט זיך געדארפט שטעלן דאווענען איז נישט געווען גענוג 'עמידה' אז זי זאל פשוט שטיין, ס'האט געדארפט זיין 'הנצבת' א שטארקע 'זיך שטעלן', זיך שטעלן מיט א התיצבות אנטקעגן פארשידענע עגמת נפש'ן. וועלכע זאכן האט זיך חנה געדארפט שטארקן מיט הנצבת עמכה צו קענען דאווענען די ריכטיגע תפלה?

## די שאלות פון 'עלי הכהן'

דער הייליגער **חתם סופר** זאגט א מורא'דיגער חידוש א נייע מהלך אויף די פסוקים, ווי ער איז מחדש וואס ס'איז דא געווען, מען זעהט אז **חנה** האט געדאווענט און **עלי הכהן** האט געמיינט אז זי איז שיכור, און ער האט איר געפרעגט '**עד מתי תשתכרין**', און זי האט זיך פארענטפערט אז איך בין אן **אשה קשת רוח**, און זי האט אויסגעפירט מיטן לשון '**כי מרוב שיחי וכעסי דברתי עד הנה**' איך האב פשוט אזוי לאנג געדאווענט **מרב שיחי וכעסי** פון אסאך רעדן צוליב מיין כעס.

און פשט איז אז זי האט גערעדט פון זאכן וואס מ'האט איר אויפגערעגט, זי האט געמיינט צו זאגן אז זי איז געווען אזוי צעבראכן און מ'האט איר געהאלטן אינאיין אויפרעגן, ווי די גמרא זאגט אז **פנינה** פלעגט איר טשעפענען, אבער זי האט עס געמיינט 'לשם שמים' ווייל זי האט געוואלט אז זי זאל מער מתפלל זיין, דאס זאגט **חנה**, איך בין געווען אזוי צעבראכן האב איך אזוי מתפלל געווען, ווייל איך האב אזא שווערע לעבן מיט אסאך צרות, מען טשעפעט מיך, און וועגן דעם האב איך אזוי לאנג געדאווענט.

זאגט דער **חת"ס** אן אנדערע אפטייטש אין די ווערטער, **עלי הכהן** האט דען נישט געוואוסט ווער די פרוי איז? ער האט זיכער געוואוסט אז זי איז אן עקרה און אז זי דארף געהאלפן ווערן מיט קינדער, ער האט געוואוסט אז ס'איז ראש השנה און זי קומט מתפלל זיין. אויב אזוי, פארוואס האט עלי הכהן געמיינט אז זי איז שיכור, ער האט נישט געוואוסט אז מ'רעדט פון א צעבראכענע פרוי און זי **רייסט איין**?

## אלע יארן ביז דעם יאר

נאר, 'מעשה שהיה כך היה'. יעדע ר"ה פלעגט **אלקנה** קומען מיט זיין גאנצע משפחה, **פנינה** מיט אירע קינדער און מיט **חנה**. און מ'פלעגט גיין אין

בית המקדש מתפלל זיין. און די סדר איז געווען אז מען פלעגט מתפלל זיין אין דעם ערשטן חלק פון טאג 'די ערשטע זעקס שעה' וואס דעמאלטס איז די זמן פון תפלה, נאכדעם האט מען געבלאזן שופר, און נאכדעם איז מען אהיים עסן די סעודת יום טוב, און דעמאלטס דארף מען שוין נישט אזויפיל מתפלל זיין דעמאלטס קען מען זיך שוין פרייען, **חדות ה' היא מעוזכם**, און נאך מער, נאכדעם וואס מ'גייט שוין אהיים עסן סעודת יו"ט 'קען מען שוין נישט' קומען מתפלל זיין, ווייל מ'איז שוין אנגעגעסן און אנגעטרינקען, און מ'האט שוין נישט די ריכטיגע צלילות הדעת צו מתפלל זיין.

וואס איז געווען יענע ראש השנה וואס 'חנה' האט גע'פועל'ט, עס איז נישט געווען די ערשטע "**ראש השנה**" וואס חנה איז געקומען מתפלל זיין. וואס עפעס איז יעצט געווען דער גרויסער עת רצון אז פונקט יעצט איז זי געהאלפן געווארן, און וואס עפעס האט פונקט יעצט 'עלי הכהן' געמיינט אז זי איז **שיכור**, וואס איז דער 'ראש השנה' געווען אנדערש ווי אלע אנדערע ראש השנה'ס ביז יעצט אז יעצט איז זי געהאלפן געווארן?

נאר, יעדע ר"ה פלעגט זיין אז מ'פלעגט גיין די גאנצע משפחה אין בית המקדש אריין דאווענען, און גלייך ווען מען איז ארויס פון שטוב, פלעגט **פנינה** מאכן זיכער צו געבן עפעס א טשעפע פאר **חנה**, זי פלעגט איר אייביג שטעפענען האסט שוין געקויפט א נייע אנצוג פאר דיין קינד?! ווילנדיג איר מעורר זיין אז זי זאל מער מתפלל זיין. און **חנה** איז געווארן זייער ווייי געטון פון די טשעפענען פון **פנינה**. פלעגט זי אנקומען אין בית המקדש מבולבל, און זי האט נישט געקענט אינזין האבן ביים דאווענען ווייל זי איז געווען ווייי געטון אז פנינה האט איר געטשעפעט.

אזוי ווי זי איז געווען זייער ווייי געטון, האט זי נישט געקענט מכוון זיין, זי האט טאקע געדאווענט יעדע 'ראש השנה', אבער זי איז נישט געהאלפן געווארן, ווייל זי האט נישט געדאווענט מיט די ריכטיגע כוונה זייענדיג מבולבל פון די טשעפענען פון **פנינה**.

## די עצה פון קומען נאכמיטאג

האט **חנה** געטראכט, וואס טו איך דא, איך שטיי דאס העכסטע טאג פון יאר אין א **זמן פקידה**, מען קען היינט געהאלפן ווערן מיט אלעס וואס מ'דארף האבן, און איך קען נישט דאווענען, ווייל יעדעס מאל וואס איך וויל גיין דאווענען ר"ה קומט **פנינה** און טשעפעט מיר, זי מיינט טאקע לשם שמים אבער מיך שטערט עס.

דאס יאר האט חנה מחליט געווען א מורא'דיגע עצה אז זי זאל יא קענען דאווענען מיט א רואיגקייט, האט זי געטראכט אזוי: צופרי אין דער ערשטער האלבע טאג ווען דער עולם גייט דאווענען - נישט דעמאלטס וועט זי לייגן דעם עיקר דגוש. נאר, נאכמיטאג ווען אלקנה וועט אהיימקומען מ'וועט עסן סעודת יו"ט, גייט זי נישט מיטעסן. דער לשון וואס שטייט דארט איז אז זי איז געגאנגען אין בית המקדש נאכן עסן, שטייט דאס לשון **'ותקם חנה אחרי אכלָה בשילה ואחרי שתֹה'**, ס'שטייט נישט אחרי **אכלָהּ** אז זי האט געגעסן, ס'שטייט **אכלָה** דער עולם האט געגעסן די סעודה, אבער זי האט נישט מיטגעגעסן, ווייל אויב וואלט זי געגעסן וואלט זי דאך נישט געקענט גיין אין בית המקדש דאווענען ווייל אפשר איז זי אנגעטרינקען.

**פנינה** האט אבער נישט באמערקט אז זי עסט נישט, ממילא איז איר נישט איינגעפאלן אז זי גייט יעצט גיין אין בית המקדש דאווענען, האט זי נישט געמאכט זיכער צו געבן די טשעפע אויפן וועג ארויס. און חנה האט זיך געגעבן א רוק ארויס פון שטוב, און געגאנגען אין בית המקדש דאווענען **ראש השנה נאכמיטאג** רואיגערהייט אן קיין 'טשעפע' אן קיין בלבול הדעת.

אבער **עלי הכהן** ווען ער זעט א פרוי דאווענען ר"ה נאכמיטאג וואס דעמאלטס איז דאך אן 'עת שכרות', ווייל מען האלט דאך נאך דער סעודה, **ויחשבה עלי לשיכורה**, ער האט געוואוסט וואס זי וויל, אבער יעצט נאכן עסן איז נישט קיין צייט צו קומען דאווענען?

## די ערשטע מאל מיט 'ישוב הדעת'

האט זי געענטפערט פאר עלי: **יין ושכר לא שתיתי ואשפך נפשי לפני ה'**, איך בין נאר געקומען דאווענען איך בין נישט אנגעטרינקען איך האב דער ריכטיגער 'ישוב הדעת'. איי פארוואס איך בין געקומען יעצט, ווייל איך בין נישט דאס ערשטע יאר דא, נאר וואס איז געווען אלע יארן ביז יעצט, אז מיינע תפלות האבן נישט געארבעט, **כי מרוב שיחי וכעסי דברתי עד הנה,** אלע יארן ביז יעצט האב איך טאקע גערעדט אבער דאס איז געווען מתוך כעס, מתוך ווייטאג, איך בין געווען אויפגערעגט און געטשעפעט און איך האב נישט געקענט דאווענען.

אבער יעצט מיינסטו טאקע אז איך בין שיכור ווייל ס'איז נאכמיטאג, אבער איך האב געדארפט קומען דוקא יעצט, ווייל דעם יאר האב איך זיכער געמאכט צו קומען אין אזא צייט, נאכן סעודה, ווען פנינה וועט נישט באמערקן כדי צו קענען דאווענען מיט א ישוב הדעת און מיט א ריכטיגע כוונה. ממילא דאס וואס זי זאגט **מרוב שיחי וכעסי** איז אויף אלע יארן וואס זי האט געדאווענט ביז יעצט, וואס זי איז געווען ווי געטון און זי האט נישט געקענט מכוון זיין, צו פארענטפערן פארוואס זי איז נאכנישט געהאלפן געווארן, און דאס יאר איז דאס ערשטע מאל וואס זי האט געדאווענט מיט א שמחה און מיט א רואיגקייט און יעצט איז זי געהאלפן געווארן.

לענינינו, זעהט מען דאך פון דעם ווי סאך עס מאכט אויס פארן דאווענען אין ר"ה, זיך נישט צו לאזן שטערן פון די אלע זאכן וואס קענען מבלבל זיין, מען זאל נישט אוועקגעבן דעם **דאווענען** צוליב א ווייטאג אויף א מענטש, צי אויף א פלאץ, צי אויף זאכן ארום און ארום. אלעמאל קענען קומען נסיונות אפילו פון זאכן וואס מ'קען זיך נישט אויסשטעלן פון פארדעם, דארף מען האלטן פאר די אויגן דעם יסוד גדול פון חנה, אז ווילאנג ס'איז געווען **מרוב שיחי וכעסי** האט עס נישט אזוי געארבעט, מען קען טאקע נישט אייביג טוישן די מצב, אבער אין די מצב וואס מ'איז דארף מען פרובירן צו קענען משתדל זיין נישט צו לאזן געשטערט ווערן, און מיטן אויבערשטנ'ס הילף זיך מתאמץ זיין צו דאווענען מיט די כוונה, און דער אויבערשטער העלפט אז די תפלות ווערן נתקבל.

* * *

## אוועקנעמען מחשבת 'פיגול'

אלץ אן עצה אויף דעם אז די תפילה זאל טאקע זיין מיט די ריכטיגע כוונה נישט צו ווערן געשטערט, וועט מען נאכזאגן אפאר שורות פון א פריערדיגער חסיד'ישער ספר **צמח ה' לצבי** (וילך), ער שמועסט אויס דעם גאנצן ענין זייער אויף למעשה. ער איז מסביר וויאזוי מ'קען אוועקשטופן די מחשבות וואס קענען זיך ארייננכאפן בשעת איינער דאווענט און ס'קען אים שטערן פון דאווענען, און אז מ'טאר נישט לאזן קיין שום מקום אז זאכן זאלן אים מבלבל זיין.

דער צמח ה' לצבי שטעלט צו דעם ענין צו דער ענין פון **פיגול**: וואס מיינט פיגול, אז מ'טראכט א בייזוויליגע מחשבה בשעת'ן מקריב זיין א קרבן; אדער א מחשבת חוץ לזמנו אדער א מחשבת חוץ למקומו, צוויי סארטן מחשבות וואס קענען שטערן א קרבן. זאגט ער, די זעלבע זאך איז שייך נישט נאר ביי א קרבן א בהמה וואס מ'שעכט, נאר א איד וואס שטייט ביים אויבערשטן, דארף ער אוועקנעמען אלע זאכן וואס זענען אים מבלבל, און **וועלכע זאכן זענען געוועהנליך מבלבל א מענטש בשעת ער דאווענט? אדער איז עס חוץ לזמנו, אדער איז עס חוץ למקומו.**

## 'חוץ לזמנו' און 'חוץ למקומו' ביים דאווענען

למשל, אויב ער שטייט און ער באדינט דעם מלך, ער טוט א געוויסע שירות פאר'ן מלך און ער טראכט דעמאלס אייגענע אינטערעסן, זאכן וואס ער דארף ערלעדיגן מארגן אדער זאכן וואס האבן פאסירט נעכטן, מיינט עס נישט פון דעם זמן, **אין די יעצטיגע זמן דארף ער נאר טון וואס דער מלך פארלאנגט, און טראכטן פון זאכן וואס ער דארף טון אין אנדערע זמנים איז 'מחשבת חוץ לזמנו'**, און אפילו דאס זענען זאכן וואס איז נוגע פארן מלך אליין אין אנדערע צייטן איז עס אויך חוץ לזמנו, ווייל נישט דאס דארף ער יעצט טון.

דא לייגט ער צו נאך א נקודה, וואס מיינט 'חוץ למקומו', זאגט ער א מורא'דיגע נקודה: חוץ למקומו מיינט אפילו אין עבודת השם אליין, א מענטש טראכט **"איך שטיי יעצט און דאווען אויף דעם פלאץ, אויב וואלט איך געווען במקום אחר וואלט איך בעסער געדאוועט, איך וואלט געשטאנען אויף אן אנדערע פלאץ צי אין אן אנדערע בית המדרש וואלט איך בעסער געדאוועט"**, זאגט ער **'גם זה לא טוב'**! הגם ס'איז נישט די זעלבע געפערליך ווי א מענטש וואס טראכט 'חוץ למקומו' וואס טוט זיך ביי אים אינדערהיים סתם פריוואטע זאכן, נאר אפילו אין עבודת המלך, ער טראכט בשעת'ן דאווענען איך וואלט אפשר געדארפט גיין דאווענען פריער צי שפעטער און ערגעץ אנדערש וואלט עס בעסער געגאנגען, פעלט אויך אין עבודת השם.

## בטחון אז ער איז אויפ'ן ריכטיגן פלאץ און זמן

אין דער געדאנק דערפון איז, ווייל דאס איז א סימן אז ער האט נישט די ריכטיגע בטחון, ער דארף זיין פארזיכערט אז דא וואו איך שטיי יעצט און דאס וואס איך טו יעצט דאס איז וואס איך דארף טון, מ'טאר זיך נישט לאזן פון אלע ספיקות, אפילו רוחניות'דיגע ספיקות וואס ווילן אריינקומען און מבלבל זיין די מחשבה און טראכטן אז ווען איך וואלט נישט געהאט די טירדא וואלט איך געקענט שענער דאווענען, ווייל באמת וואלסטו נישט געקענט, ווייל יעצט אין די מינוט דארפסטו נאר טון דאס וואס דו טוסט יעצט. מ'דארף זיך פארשטעלן, און ס'איז במציאות אזוי אז **מ'שטייט פארן אויבערשטן און מ'טראכט: וואס דארף איך פונקטליך יעצט אויפן מינוט טון? נישט קיין איין זאך מער און אויך נישט אין קיין שום אנדערע אופן פון וויאזוי ס'איז יעצט וואלט איך עס געדארפט טון**, אויב מ'איז נישט פארזיכערט אז די וועג וואס ס'האט זיך אויסגעשטעלט איז נישט קיין ריכטיגע בטחון, ס'איז א בחינה פון 'שלא יהא לבך חלוק על המקום'[ב].

דאס איז א שטארקער יסוד אויף א גאנץ יאר און אויף ראש השנה בפרט. די תפילות פון ראש השנה אין די הייליגע טעג זענען לאנגע תפילות, אזוי סאך שעות, און נישט אייביג איז דא די 'משתחווים רווחים' אזוי בגלוי, דארף מען אריינעמען אין זיך די הייליגע ווערטער אויף למעשה אין מסיח דעת זיין פון די מחשבות, און געדענקן נאר דאס אז מ'שטייט אצינד פארן אויבערשטן.

דער **קאזניצער מגיד זי"ע** האט אויך א שמועס אין **עבודת ישראל** (נצבים), וועגן זאכן וואס זענען מבלבל אינמיטן דאווענען, וואו ער ברענגט צו פונעם **גרויסן מגיד זי"ע** א גאנצער ענין אויף דעם.

---

ב. ס'איז כדאי צו זען אינעווייניג, ס'איז א שטארקע אריכות אין צמח ה' לצבי אין פרשת וילך, דאס ערשטע שטיקל אויפן פסוק 'ואמר ביום ההוא ואנכי הסתר אסתיר'.

מען פרובירט אוועקצונעמען אלע טירדות און מ'שטארקט זיך איבער אז דאס וואס איך טו יעצט דאס דארף איך טון, און איך האב די בטחון אז זאכן וואס דארפן ווערן ערלעדיגט דארפן נישט ווערן ערלעדיגט, ס'וועט געשען דאס וואס ס'דארף געשען, די גרעסטע בטחון אז איך שטיי פארן מלך און וואס איך דארף טון טו איך, און וואו איך בין בין איך, דאס איז די שטערקסטע עצה אז די שלימות המשחבה זאל זיין ווי ס'דארף צו זיין, און דאס העלפט אוודאי פאר די קבלת התפילות. דאס קען מען זיך ארויסלערנען פון דעם לשון פון חנה **'אני האשה הנצבת עמכה בזה'**, מיין דאווענען איז נישט אנגעקומען לייכט, איך בין א פרוי מיט אסאך עגמת נפש און ווייטאגן, אבער 'הנצבת' איך האב זיך געשטארקט און דא דאווען איך און איך לאז גארנישט מיך מטריד זיין. און דעמאלס איז זי מיטן אויבערשטנ'ס הילף געהאלפן געווארן.

## "והגיון לבי"

דאס איז איין נקודה. אוודאי בדיעבד אויב די תפילה איז נישט געגאנגען ווי ס'דארף צו זיין ווערט מען ח"ו נישט מיואש, און מ'איז מתפלל **'יהיה לרצון אמרי פי והגיון לבי'**. אזוי ווי ס'שטייט אין **חתם סופר** אז מ'בעט דא דעם אויבערשטן אז ער זאל אננעמען די תפילה אזוי ווי איך האב געוואלט אז די דאווענען זאל אויסקוקן.

דער הייליגער חתם סופר שטעלט זיך וואס טייטשט **והגיון לבי**, מ'בעט דען דעם אויבערשטן אז דער אויבערשטער זאל אננעמען אלע זיינע מחשבות וואס ער טראכט אינמיטן דאווענען? נאר 'והגיון לבי' טייטשט, **די מחשבות וואס איך האב געהאט פארן דאווענען ווי געשמאק דער דאווענען וועט זיין, אפילו ס'איז נישט אויסגעקומען אזוי בעט מען אז דער אויבערשטער זאל עס אננעמען כאילו ס'איז אזוי געווען.**

אבער אויף לכתחילה דארף מען פרובירן זיך צו מסדר זיין אזוי אז אינמיטן דאווענען זאל מען זיך נישט לאזן שטערן, מ'האט בטחון וואו איך בין און וויאזוי ס'איז אזוי האט עס געדארפט צו זיין און מ'שטארק זיך מיט א שטארקייט התיצבו וראו את ישועת ה'.

* * *

# פרק ג: די פקידה פון 'רחל אמנו' אום ראש השנה

מ'האט געשמועסט פונעם גאנצן עסק וואס מ'מאכט פון חנה פון די פקידה, איז מיר נתעורר געווארן א שטיקל הערה, איך ווייס נישט ווי ווייט ס'איז א קשיא, אבער ס'איז כדאי אויסצושמועסן.

## די דריי וואס זענען נפקד געווארן אום ראש השנה

די גמרא זאגט אז ראש השנה איז א זמן פקידה פון דריי צדיקת'ן, **שרה, רחל וחנה**. וויאזוי ווייסט מען אז זיי אלע דריי זענען נפקד געווארן אין ראש השנה? ברענגט די גמרא אין מסכת ראש השנה אז ס'גייט מיט א גזירה שוה, מ'נעמט די פסוקים, דער פסוק וואס שטייט ביי רחל ווען זי איז געהאלפן געווארן שטייט '**ויזכור' אלקים את רחל** א לשון זכירה, און ביי ראש השנה שטייט דאך אויך '**זכרון' תרועה מקרא קודש**, מאכט מען א גזירה שוה אז רחל איז געהאלפן געווארן ראש השנה.

וויאזוי ווייס איך אז חנה איז געהאלפן געווארן אין ראש השנה, ווייל ביי חנה שטייט אויך דאס לשון '**ויזכרה' ה'**, דער אויבערשטער האט איר געדענקט, לערן איך אויך ארויס די זכירה פון ראש השנה.

וויאזוי ווייס איך אז שרה איז געהאלפן געווארן ראש השנה, דא דארף מען שוין צוקומען צו א גזירה שוה אויף א גזירה שוה. ביי חנה שטייט דאך דאס לשון **כי פקד ה' את חנה**, און דאס שטייט **וה' פקד את שרה**, לערן איך ארויס שרה פון חנה און חנה האט מען דאך דערמאנט שטייט 'ויזכרה ה'', וואס פון דא לערנט מען ארויס פון 'זכרון תרועה מקרא קודש', לערנט מען ארויס שרה פון חנה און חנה פון ראש השנה. ווייסן מיר אז אלע דריי שרה רחל וחנה זענען אלע נפקד געווארן אין ראש השנה. מ'דערמאנט עס כסדר אין די פיוטים.

## פארוואס מאכט מען נישט קיין מצב פון רחל?

למעשה זעט מען אבער אז שרה און חנה באקומען גאר א גרויסער חלק פון ראש השנה, **שרה** האט באקומען די קריאה, דער ערשטער טאג די קריאה **וה' פקד את שרה**, שרה אמנו'ס גאנצע פרשה, און **חנה** איז די הפטורה **מפטיר חנה**, דאס האט אין זיך סיי דאס עצם תפילה פון אנפאנג פון חנה און די צווייטער חלק התפילה פון חנה צום סוף נאכדעם וואס זי איז שוין געהאלפן געווארן, **ותתפלל חנה ותאמר עלץ לבי בה'**.

ווידערואום **רחל** ווערט עפעס וויניגער דערמאנט, אין די פיוטים דערמאנט מען טאקע רחל אמנו, אבער אין די דאוועגען און אין די ליינען און אין די הפטורה ווערט אין קיין ערגעץ נישט דערמאנט דעם ענין פון **ויזכור אלקים את רחל**, און לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס רעדט מען פון רחל וויניגער פון ווי מ'רעדט פון שרה און פון חנה, און בפרט ווי מ'זעט איז דאך גאר רחל דער ערשטער מקור, 'ויזכור אלקים את רחל' איז א נענטערע מקור צו 'זכרון תרועה' ווי 'וה' פקד את שרה'!

דער פלאץ וואו מ'וואלט לכאורה די פאסיגסטע געקענט אריינברענגען צו רעדן פון רחל, איז ווען ס'קומט צו די פסוקים פון זכרונות. מען זעט אין די גמרא אז ס'איז לאו דוקא געווען נקבע וועלכע פסוקים מ'זאל דערמאנען. ס'איז דא געוויסע כללים וועלכע סארט פסוקים מ'קען דערמאנען אבער נישט דייקא וועלכע פסוקים, ביי אונז איז שוין אויסגעטרעטן די וועג ווי ס'שטייט שוין אין **טור** וועלכע פסוקים מ'דערמאנט, אבער בעצם וואלט מען געקענט דערמאנען אנדערע פסוקים אויב ס'שטומט מיט די כללים.

## די שמועס איבער דערמאנען 'וה' פקד' ביי זכרונות

די גמרא דערמאנט פארוואס דערמאנט מען נישט 'וה' פקד את שרה' וואס לכאורה פקד איז אויך א לשון פון געדענקען, ברענגט די גמרא א מחלוקת, איין דעה האלט אז פקדונות איז נישט אזוי ווי זכרונות, מ'קען נישט יוצא זיין זכרונות מיט א לשון פקידה, ס'מוז שטיין דעם שורש 'זֵכֶר'. פרעגט די גמרא און דער וואס האלט אז פקדונות איז יא א לשון וואס מ'קען יא יוצא זיין מיטן לשון פקד, וואלט מען דען בכלל געקענט נוצן דעם פסוק פון וה' פקד את שרה. איינע פון די כללים איז דאך אז מ'קען נישט דערמאנען זכרון דיחיד, ס'מוז זיין א זכרון וואס מ'געדענקט א גאנצן ציבור, און וה' פקד את שרה מיינט דאך לכאורה נאר אז דער אויבערשטער געדענקט א יחידה איין פרוי שרה?

אויף דעם זאגט די גמרא, ניין, כאטש שרה איז נאר א יחידה, ווייל **כיון דאתו רבים מינה כרבים דמיא**, אז ס'קומט ארויס פון איר א גאנצע כלל ישראל איז די פקידה פון שרה נישט גערעכנט ווי דער איינע מענטש שרה, נאר ס'ווערט גערעכנט לויט וואס ס'איז ארויסגעקומען פון דעם, איז דאס דאך א רבים. איז נישט קיין פראבלעם ווען ס'שטייט נישט דאס לשון פקדונות וואלט מען יא געקענט דערמאנען 'וה' פקד את שרה'.

לכאורה לויט דעם שטיקל גמרא קען מען זייער שטארק טראכטן, מ'איז פארנומען ביים ליינען מיט שרה, ביי די הפטורה מיט חנה, פארוואס

זאל מען נישט ביי די פסוקים פון זכרונות דערמאנען איין פסוק פון רחל, מ'זאל דערמאנען דעם פסוק 'ויזכור אלקים את רחל ויפתח את רחמה' אז דער אויבערשטער האט איר געהאלפן אז רחל איז געהאלפן געווארן, ס'האט דאס לשון זכירה, און לכאורה די פראבלעם אז ס'איז א יחיד איז לכאורה אויך נישט קיין פראבלעם לויט ווי די גמרא זאגט אז כיון דאתו מינה רבים כרבים דמיא, פון איר זענען דאך אויך ארויסגענומען א רבים, גאנצטע שבטים זענען פון דעם ארויסגעקומען?

## רחל האט נאר עטליכע שבטים

אולי על פי לומדות קען מען אפשר זאגן אז ס'קען אפשר אריינגיין אין די שאלה, דער הייליגער **חתם סופר** אין אסאך פלעצער חשבונ'ט מיט דעם צי מ'קען צוזאם שטעלן די שבטים מיט די אבות, דער חתם סופר איז אראפגעברענגט אין חתם סופר על הש"ס אין מסכת סוכה לגבי אברהם אבינו וואס האט א דין פון א רבים ווייל גאנץ כלל ישראל קומען ארויס פון אים, איז ער דן צי מ'קען זאגן אז אלע שבטים האבן אויך א דין ווי א רבים ווייל פון יעדער שבט קומט ארויס א רבים. און דער הייליגער חתם סופר איז עס תולה אין די מחלוקת אין מסכת הוריות אז ווען גאנץ כלל ישראל ווערט נכשל מיט אן עבירה צי איין שבט אליין דארף אויך ברענגען א קרבן, און די גמרא שמועסט דארט אז ס'איז א מחלוקת צי **'שבט אחד נקרא קהל'** צי נאר גאנץ כלל ישראל. און לויט דעם חשבונ'ט דער חתם סופר וועט זיך ווענדן צו א שבט א פאר זיך האט שוין אויך די סברא כיון דאתו מינה רבים.

ממילא אפשר וועט זיך עס ווענדן אין דעם, אז שרה וואס פון איר קומט ארויס גאנץ כלל ישראל הייסט זיכער א רבים, ממילא ווען ס'וואלט געשטאנען דאס לשון זכירה וואלט מען עס יא געקענט דערמאנען ביי מוסף 'וה' פקד את שרה', משא"כ רחל. **ס'קומט טאקע ארויס פון איר א רבים, אבער נאר עטליכע שבטים אפרים מנשה און בנימין**, און לגבי דעם זעט זיך אויס אז מ'נעמט נישט אן אז ס'הייסט א רבים וועגן דעם דערמאנט מען נישט דעם ויזכור אלקים את רחל. אזוי קען אפשר זיין אז ס'וועט זיין תלוי אין דעם יסוד.

## "מצבת קבורת רחל"

איך האב געזען א שמועס בנוגע דעם אנדערן פסוק וואס מ'דערמאנט

אין די מוסף פון ראש השנה וואס דארט ווייזט זיך יא ארויס זייער שטארק אז גאנץ כלל ישראל ווערט אנגערופן על שמה של רחל: **רש"י** אין פרשת נצבים זאגט א פשט אז '**נצבים**' איז א לשון פון א מציבה א 'מעמד ומצב', אז משה רבינו האט זיי אוועקגעשטעלט פאר א כח הקיום אזוי ווי א מציבה.

ס'איז דא א באקאנטע פסוק אין פרשת וישלח, ווען רחל אמנו איז נפטר געווארן, **ויצב יעקב מציבה וכו' הוא מצבת קברת רחל עד היום**, איז דא אין **מדרש רבה** אן אינטערעסאנטער לשון, וואס מ'מוטשעט זיך זייער שטארק צו פארשטיין די תירוץ, די קשיא פארשטייט מען אבער דעם תירוץ פארשטייט מען נישט.

די מדרש זאגט אז ביי א ציון פון א צדיק מאכט מען נישט קיין נפשות, דאס מיינט א מציבה, **אין עושין נפשות לצדיקים**, אזוי ביי א קבר פון א מענטש דארף מען מאכן א זכר מאכט מען א מציבה, אבער ביי צדיקים דארף מען נישט צוקומען צום זכר אז מ'זאל דארפן אנצייכענען זייער קבר ווייל **דבריהם הן הן זכרונם**, דאס אז מ'געדענקט פון די צדיקים זייערע מעשים און דיבורים איז שוין גענוג, און מ'דארף נישט צוקומען צו א מציבה.

## "נקראין ישראל על שם רחל"

אויב אזוי אז צדיקים דארפן נישט קיין מציבה ווייל זייערע ווערטער און מעשים טובים אליין איז גענוג, פארוואס האט יעקב אבינו געדארפט ביי אזא צדיקת ווי רחל גיין 'ויצב יעקב מצבה על קבירתה', וואס פעלט עס אויס? זאגט דער מדרש: 'תנא ר' שמעון בן גמליאל, אין עושין נפשות לצדיקים דבריהן הן הן זכרונם', מיינט ער צו פרעגן וואס פעלט אויס די מציבה? ענטפערט דער מדרש '**למדנו**', לערנען מיר פון דעם ארויס, '**שנקראין ישראל על שם רחל**', אלע אידן הייסן אויפן נאמען פון רחל, פון וואו זעט מען אז אלע אידן הייסן אויפן נאמען פון רחל, מ'רופט איר מאמע רחל כאטש וואס נאר א קליינער חלק פון כלל ישראל שטאמען פון רחל, **שנאמר**, ברענגט דער מדרש דער פסוק פון דער הפטורה פון די צווייטער טאג ראש השנה און פון זכרונות פון מוסף לראש השנה פון די פסוקים פון נביאים '**הבן יקיר לי אפרים**', זעהט מען אז אידישע קינדער זענען אנגערופן 'בני אפרים' וואס איז 'מבניה של רחל'.

מ'פארשטייט נישט וואס דער מדרש ענטפערט, דער מדרש האט געפרעגט א קשיא פארוואס לייגט מען א מציבה אויף רחל, צדיקים דארפן דאך נישט קיין מציבה, און דער תירוץ איז ווייל אלע אידן הייסן על שמה של רחל ווייל ס'שטייט 'הבן יקיר לי אפרים'. וואס האט דאס מיט דעם?

## א מציבה, צו ווייזן די מעלה פון רחל

דער **נזר הקודש** אויפן מדרש זאגט, אז לכאורה דארף מען זאגן אז פשט גייט אזוי, סתם אזוי ביי א מענטש לייגט מען א מציבה אז ס'זאל בלייבן א זכר. אבער 'מציבה' האט נאך אן אפטייטשט, ס'קען טייטשטן אזוי ווי א יסוד, אן אבן שתיה, מ'ווייזט אז די זאך איז א יסוד פאר אלעס, און אזוי רש"י זאגט אויף 'נצבים' אז מ'האט געמאכט די אידישע קינדער פאר א יסודות'דיגע דבר של קיימא.

פריער שטייט אז יעקב אבינו האט געמאכט נאך א מציבה; א מציבה פארן אויבערשטן **'מצבת אבן'**, די מצבת אבן וואס יעקב אבינו האט געמאכט איז אוועקצושטעלן דעם יסוד פון כלל ישראל, **משם רועה אבן לישראל**, כלל ישראל הייסט אזוי ווי א 'מצבת אבן', א שטיין וואס שטייט אויף אייביג א דבר של קיימא. **מ'האט געוואלט ווייזן די חשיבות פון רחל אז רחל איז אזא יסוד פאר כלל ישראל אזוי ווי די 'מצבת אבן' וואס מ'האט פריער געמאכט, האט מען ביי איר אויך געמאכט א מצבה צו ווייזן וואס זי איז,** אבער נישט אז די מציבה איז געווען לצורך די קבורה פון רחל, ווייל אלץ דעם וואלט עס נישט אויסגעפעלט ווייל 'דבריהן הן הן זכרונם', נאר מ'האט געמאכט א מצבה צו ווייזן, ווייסט וואס רחל איז, זי א יסוד א אבן שתיה, די גרונטשטיין פון כלל ישראל. און דאס ענטפערט דער מדרש, אז אויב גאנץ כלל ישראל הייסט על שמה של רחל מוז דאך זיין אז רחל איז דער יסוד פון כלל ישראל, דעריבער האט מען געמאכט א 'מצבת אבן' צו ווייזן איר גרויסקייט.

קומט דאך אויס אז ביי די מוסף פון ראש השנה אליין פסק'נט מען אז גאנץ כלל ישראל הייסט יא על שמה של רחל, איז דאך אוודאי וואלט לכאורה יא געדארפט אויסקומען אז 'כיון דאתו מינה רבים כרבים דמיא', וואלט מען אפשר ענדערש געדארפט דערמאנען דעם **ויזכור אלקים את רחל** צווישן די פסוקים פון זכרונות, און אפילו על פי לומדות האט מען געשמועסט הייסט נאר גאנץ כלל ישראל, און שבט אחד איז א מחלוקת צי ס'איז הייסט קהל, אבער דא זעט מען דאך פון די 'מצבת אבן' אז אלע אידן הייסן על שמה של רחל!

## אויסלאזן 'יוסף הצדיק' ביים 'מי שברך לחולה'

אולי קען אפשר זיין, ס'איז אביסל א רבי'שע תורה, פארוואס מ'האט אויסגעלאזט דעם ויזכור אלקים את רחל, מ'האט אויסגעלאזט רחל פון דעם ראש השנה'דיגער דאווענען, ס'איז דא א ווארט וואס שטייט פון צדיקים,

**דער מונקאטשער רב זי"ע** אין **דברי תורה** (מהדורא ד אות יג) ברענגט דאס, מ'שטעלט זיך אויף דעם אז ביי **'מי שברך לחולה'** רעכנט מען נאר די שבעה רועים, **אברהם יצחק יעקב משה אהרן**, און אנשטאט צו זאגן 'יוסף ודוד', זאגט מען **דוד ושלמה**, אנדערש ווי געוועגליך וואס מ'רעכנט אויס 'יוסף'. וואס איז פשט פון דעם[ג]?

שרייבט ער דארט דעם תירוץ וואס ער האט געענטפערט, און ס'איז אינטערעסאנט אז ממש דעם זעלבן תירוץ ווערט געברענגט אין **שארית לפינחס** אין די ליקוטים אז ער געדענקט אז **דער אוסטילער רב זי"ע** האט אויך געזאגט ממש דעם זעלבן תירוץ: מ'וויל דאך מעורר זיין רחמים אויף א חולה, און מ'רעדט פון דעם זכות פון יוסף רעדט מען דאך פון דעם ענין פון קדושת יוסף הצדיק. **קען מען דען דערמאנען 'יוסף' לטובת החולה? און וואס איז אויב ח"ו אויב דער חולה איז נישט בשלימות אין דעם ענין, קען עס ח"ו גאר גורם זיין א קטרוג**, דא זאגט מען יוסף, און נאכדעם פרעגט מען וואו האלט ער מיט יוסף, ממילא ביי א חולה וואס דארף מער רחמים האט מען דייקא אויסגעלאזט יוסף, מ'האט אים נישט געוואלט דערמאנען ווייל ס'זאל ח"ו נישט האבן א משמעות פארקערט פון דעם אז דער חולה דארף האבן מער קדושה.

סיי דער מונקאטשער רב און סיי אין שארית לפינחס שטייט דעם טעם, און דער אוסטילער רב האט מיט דעם געטייטשט, **'יסוד צדיק בשבעה נעלם אות ברית הוא לעולם'**, מיט א קשיא און א תירוץ, אז לכאורה יסוד צדיק בשבעה נעלם, פארוואס איז יוסף הצדיק פארהוילן פון צווישן די שבעה רועים אז אים רעכנט מען נישט? דער תירוץ איז, אז 'אות ברית הוא לעולם', וויבאלד מ'רעדט דא פון אזא צדיק בחינת וואס איז 'אות ברית' זוכט מען עס נישט צו דערמאנען, אז ס'זאל ח"ו נישט זיין לטובת החולה.

## די פקידה פון רחל דערמאנט 'יוסף הצדיק'

אזוי ראש השנה איז מען דאך פארנומען מיט די דריי צדקניות, שרה רחל און חנה, אבער אין **ברית כהונת עולם** ארבעט ער שטארק ארום אז ווען מ'שמועסט פון די דריי פקידות, רעכנט מען נישט נאר פונעם חלק הפקידה,

ג. בכלל איז דא ביי די מי שברך'ס עטליכע ענינים וואס דארף בירור פונקטליך אלע נוסחאות פון וואו דאס קומט. און אגב: לגבי די 'מי שברך' פון די הייליגע טעג, שרייבט דער 'בני יששכר' אז ער איז נישט צופרידן פון דאס וואס ס'שטייט אין די מי שברך פון יו"כ אז ס'איז א 'יום הדין', דאס הייסט נישט קיין יום הדין, ס'איז א 'יום הרחמים'.

מ'קוקט אויך אביסל ווייטער, אויף די קינדער וואס זענען געבוירן געווארן פון די פקידה. ער מאכט גאנצע חשבונות אויף די דריי קינדער וואס זענען געבוירן געווארן **יצחק** פון שרה, און **יוסף** פון רחל, און **שמואל** פון חנה. ער חשבונ'ט אפילו אויס אז מ'זעט פון די לשונות וואס מ'האט פריער דערמאנט אז ביי שרה שטייט **פקידה** און ביי רחל א לשון פון **זכירה** און ביי חנה שטייטביידע **פקידה וזכירה**. און ער איז מבאר אז 'פקידה' איז מער מצד הדין מצד השמאל, 'זכירה' איז מצד החסד, און וויבאלד ביי שרה איז געבוירן געווארן יצחק א קינד וואס איז דין שטייט דאס לשון פקידה, און ביי רחל איז געבוירן געווארן יוסף אן ענין פון א משפיע, שטייט זכירה, און שמואל הנביא האט כולל געווען ביידע, ער איז געווען 'משה ואהרן בכהניו' ער האט כולל געווען ביידע בחינות דין מיט רחמים, ער האט געטון אין זיין לעבן סיי שארפע הנהגות און סיי השפעות'דיגע הנהגות, דעריבער שטייט ביי חנה סיי זכירה און סיי פקידה, ווייל דאס קינד וואס איז געבוירן געווארן איז געווען אזא קינד וואס האט כולל געווען ביידע הנהגות. אבער ביי רחל שטייט נאר זכירה וואס ס'איז געבוירן געווארן יוסף בחינת צדיק 'יוסף הוא המשביר' א בחינה פון א משפיע.

אולי קען אפשר זיין מיט דעם, אז דער ענין וואס מ'וויל נישט דערמאנען דעם 'ויזכור אלקים את רחל' קען אפשר זיין אלס דעם זעלבן חשבון, ראש השנה דערמאנט מען דאך אלס א זכירה וואס זאל זיין לטובה, און נישט קיין חילוק אין וועלכער מצב א איד איז זאל אים דער אויבערשטער געדענקען לטובה. **אויב מ'וועט מאכן עפעס צו א גרויסער עסק פון דעם 'ויזכור אלקים את רחל' וואס דער אויבערשטער האט געהאלפן אז ס'איז אראפגעקומען אזא גרויסער כח הקדושה פון יוסף הצדיק איז דא א חשש ס'זאל ח"ו נישט נתעורר ווערן די זעלבע שאלה צי מ'האלט טאקע וואו מ'דארף צו האלטן ביי די בחינה פון יוסף הצדיק**, ממילא האט מען מוותר געווען און אויסגעלאזט דעם פסוק כדי אז ס'זאל טאקע נאר זיין איגנאנצן לטובה אז ס'זאל ח"ו נישט קענען האבן א השפעה פון א קטרוג. אזוי קען מען אפשר זאגן אויף דעם זעלבן יסוד פון די 'מי שברך' וואס צדיקים האבן געזאגט.

*

אבער ס'קען אפשר זיין א מורא'דיגער שטארקער חיזוק'דיגער ענין וואס קען דא ליגן באהאלטן אין דאס וואס מ'האט אויסגעלאזט דעם 'ויזכור אלקים את רחל'.

## דער טשערנאבילער מגיד זי"ע מיט רחל אמנו

מ'וועט איבערזאגן א קאכעדיגע שמועס הפלא ופלא א התעוררות מיט חיזוק וואס שטייט אין **שער יששכר** אין א תקיעת שופר דרשה, דארט איז געווען א גאנצע דרשה וואס ער איז געווען פארנומען מעורר זיין די מאמע רחל, דארט ברענגט ער די באקאנטע מעשה וואס ס'איז דא אין דעם עטליכע נוסחאות, דער וועלט פארציילט עס אויפן **מאור עינים זי"ע**, און ער ברענגט עס אויפן **טשערנאבילער מגיד זי"ע**, אז ער איז געזיצן אין תפיסה און ס'איז געקומען אן אלטע פרוי, די וועלט פארציילט עס אויף שרה אמנו, און ער ברענגט עס אויף **רחל אמנו**. [ס'איז שוין עטליכע מאל אויסגעקומען וואס מ'האט געפרעגט דעם **רבי'ן שליט"א** וועגן דעם, צי ס'איז געווען שרה צי ס'איז געווען רחל, דער רבי האט קיינמאל נישט געענטפערט קיין קלארע מסורה, ס'זעהט אויס אז **כ"ק מרן דער רבי ז"ל** האט נישט פארציילט די מעשה אדער וואס]. עכ"פ ביי יענע דרשה פארציילט דער מונקאטשער רב די מעשה מיט טשערנאבילער מגיד מיט רחל אמנו. אין די גאנצע שמועס ארבעט ער מורא'דיג שטארק אריין מעורר צו זיין דער זכות פון רחל אמנו.

## 'רחל' - אין די הפטורה ב' דראש השנה

איך וועל נאכזאגן דאס ערשטע שטיקל, וואס איז א געוואלדיגע שטארקע חיזוק. מ'האט זיך געשטעלט אז מ'דערמאנט שרהביים ליינען, די פקידה פון חנה ביי די הפטורה און רחל רעדט מען עפעס ווייניגער. ס'איז אבער נישט אינגאנצן אזוי, ווייל ס'קומט די צווייטער טאג ראש השנה האט מען דאך געשמועסט זאגט מען די הפטורה פון דעם פסוק 'הבן יקיר לי אפרים', אין דעם צווייטן טאג ביי די הפטורה רעדט מען שוין איינמאל פון רחל, דארט רעדט מען פון רחל וואס אלע תינוקות של בית רבן וואקסן אויף מיט דעם, **קול ברמה נשמע רחל מבכה על בניה**, און דער אויבערשטער בארואיגט איר **מנעי קולך מבכי וגו' ושבו בנים לגבולם**. די אלע פסוקים וואו רחל וויינט און דער אויבערשטער טרייסט איר מיט אלע הבטחות, דאס זענען די פסוקים פון דער הפטורה פון דעם צווייטן טאג ראש השנה. דעם צווייטן טאג ראש השנה מאכט מען א גאנצער עסק פון רחל אמנו, פון דעם חלק פון רחל ווי רחל ליגט דארט במצת קבורת רחל און ווי זי וויינט צום אויבערשטן.

אזוי איז דאך דער מנהג בכמה מקומות אז מ'זאגט א תקיעת שופר דרשה, און ווען דער ערשטער טאג ראש השנה געפאלט שבת איז דא פארשידענע מנהגים, ס'זענען דא וואס זאגן נאכאלץ דעם תקיעת שופר דרשה

אפילו מ'בלאזט נישט, אבער אנדערע צדיקים זאגן דעמאלס אין אזא פאל דעם צווייטן טאג ראש השנה. דאס שטיקל 'שער יששכר' האט ער געזאגט אין א יאר וואס דעם ערשטן טאג ראש השנה איז געפאלן שבת, האט ער געזאגט די דרשה דעם צווייטן טאג, האט ער זיך דעמאלס געשטעלט אויף דעם שטיקל הפטורה פון 'רחל מבכה על בניה'.

## אן עדות אויף דעם 'יום הדין'

האט ער אזוי געזאגט: אין תהלים שטייט **תקעו בחודש שופר בכסה ליום חגנו, כי חוק לישראל הוא משפט לאלקי יעקב.** א פסוק וואס זאגט ארויס אז ראש השנה איז א יום המשפט, און אויף דעם פירט מען אויס, **עדות ביהוסף שמו בצאתו על ארץ מצרים שפת לא ידעתי אשמע.** לויט ווי די גמרא לערנט עס אפ אין מסכת ראש השנה גייט עס א המשך פון דעם, דא זאגט מען ארויס דאס גרויסקייט פון ראש השנה אז ס'איז א יום המשפט, און מ'לייגט צו אן עדות צו ראש השנה אז ס'איז א יום המשפט, דאס וואס מ'האט קלאר געזען ביי יוסף הצדיק אז טאקע אין דעם טאג פון ראש השנה איז ער ארויס פון תפיסה.

קומט אויס אזוי, די קאפיטל תהלים לייגט אראפ דאס גרויסקייט פון ראש השנה וואס דער טאג ראש השנה איז אז ס'איז 'חוק לישראל משפט לאלקי יעקב', און ער האט געזוכט עפעס א סמיכה צו דעם וואו מ'זעט טאקע דער כח פון ראש השנה, האט ער געטראפן א מורא'דיגער מקור און צושטעל דערויף, ווייל יוסף איז ארויס פון תפיסה.

שטעלט ער זיך, **פון אלע מעשיות פון ראש השנה וואס די גמרא רעכנט אלס אויס וויפיל זאכן זענען געשען אום ראש השנה, האט ער נאר געקענט ברענגען דעם איינעם דוגמא פון 'יצא יוסף מבית האסורים'**, דאס איז דער עדות? און דאס איז דער הסבר אויף תקיעת שופר?

## יוסף איז זיך משטתח ביים מצבת קבורת רחל

זאגט ער א פלא'דיגער מהלך אין דעם, זאגט ער אזוי, ער ברענגט די באקאנטע מעשה וואס שטייט אין **ספר הישר**, [דער ספר הישר איז א מדרש, אין די אלטע אידישע חק'ס איז עס געווען געדרוקט, ס'איז א פריערדיגע מקובל'דיגער מדרש]. שטייט דארט די מעשה וואס איז געווען דעמאלס ווען מ'האט פארקויפט יוסף פאר די ישמאעלים און מ'איז דורכגעגאנגען רחל'ס קבר, און יוסף הצדיק האט געזען די מאמע'ס מציבה וואס יעקב האט געלייגט על קבורתה ער האט דאך געוואוסט וואס די שטיין מיינט צו זאגן, האט ער זיך געגעבן א רייס ארויס פון די אראבערס און צוגעלויפן צום שטיין און זיך

ארויפגעווארפן און געוויינט: **מאמע, מאמע, דו האסט מיך געבוירן, קוק וואס ס'איז געשען מיט מיר, קוק אין וואספארא מצב איך בין, וועק דיך אויף און בעט דעם אויבערשטן ער זאל מיך העלפן און מיך ארויסראטעווען פון די הענט פון די רוצחים**. אזוי ווי יוסף האט געוויינט דארט אויפן קבר אז די מאמע זאל רחמנות האבן אויף אים, האט יוסף געהערט ווי די מאמע רעדט צו אים, די מאמע רחל האט אים געענטפערט: וויין נישט, **איך האב געהערט דיין בקשה, האף צום אויבערשטן**, וועסט שוין זען מיטן אויבערשטנ'ס הילף אז דו וועסט געהאלפן ווערן און אלעס וועט זיין גוט, דו גיי צוזאמען מיט זיי און לאז זיך פירן פון די ישמאעלים, און דער אויבערשטער וועט זיין מיט דיר.

ווען יוסף הצדיק האט געהערט די ווערטער ווי די מאמע אליין בארואיגט אים, האט ער זיך בארואיגט און דעמאלס איז ער מיטגעגאנגען מיט זיי.

ווען די אראבער'ס האבן געזעהן אז יוסף שטעלט זיך אפ און וויל נישט מיטגיין מיט ווייטער, ער לייגט זיך ארויף אויף א שטיין און ער וויינט דארט, זענען זיי געווארן אויפגערעגט און אנגעהויבן צו שלאגן און אים אוועקשלעפן פון דארט. אזוי שטייט דארט אין ספר הישר.

## לאנגע יארן ביז מ'האט איינגעזעהן דעם אמת

זאגט ער אזוי, לאמיר צונעמען אביסל די מעשה, יעדער קען די מעשה אז יוסף הצדיק האט געוויינט און די מאמע האט אים געענטפערט בארואיג דיך דער אויבערשטער וועט אכטונג געבן אויף דיר און גיי צוזאמען מיט זיי און אלעס וועט זיין לטובה.

דאס איז זיכער אז די אראבער'ס האבן נישט געהערט וואס די מאמע האט געענטפערט, זיי האבן דאך בכלל נישט געוואוסט אז ס'איז די מאמע'ס קבר. זיי האבן געזען ווי ער וויינט און ס'האט נישט אויסגעזען ווי איינער האט אים בכלל געענטפערט. **ווען יוסף זאל זיי גיין זאגן איך בין דא אהערגעקומען ווייל איך וויל זיך אויסוויינען צו מיין מאמע, און מיין מאמע האט מיך בארואיגט און געענטפערט, וואלטן אלע געלאכט פון אים מיינענדיג אז דאס זענען בלויז דמיונות און חלומות**, האסט נישט וואס צו טון, ס'פאלט דיר איין עפעס א שטיין אז ס'איז די מאמע און דו הערסט שוין ווי די מאמע ענטפערט, זיכער אז יעדער איינער וואלט געלאכט ווען יוסף זאל ווען איבערפארציילן וואס ער האט דא איבערגעלעבט ביי דעם קבר, ס'האט אויסגעזען פון דא און ווייטער ווי אלעס איז די זעלבע ביטער ווי פריער, זיי האבן אים ביים האנט און פארקויפן אים אזוי נידריג.

יא, אזוי האט עס טאקע אויסגעזען, ס'האט אויסגעזען ווי די גאנצע מעשה איז אפשר א חלום און יוסף איז קיינמאל נישט געווארן געענטפערט, אזוי האט עס אויסגעזען. און גאנץ לאנג האט עס טאקע אזוי אויסגעזען, אבער ס'איז געקומען א טאג וואס מ'האט געזען אז די מעשה שטומט יא. **ווען איז געווען דעם טאג? דער טאג וואס יוסף איז ארויס פון מצרים, און ער איז געווארן א מלך אין מצרים און ער איז געווארן אזוי גרויס ער האט אנגעהויבן צו פירן דעם לאנד**, און די גאנצע המשך המעשה וויאזוי ער האט געראטעוועט כלל ישראל לפליטה לטובה, האט מען געזען אז ס'איז יא געווען אמת די זאך וואס בשעת מעשה האט עס אויסגעזען ווי גארנישט ארבעט, ס'האט נישט אויסגעזען ווי איינער הערט ווי ער וויינט, ס'האט נישט אויסגעזען ווי איינער נעמט אן זיין בקשה, בשעת מעשה האט מען גארנישט אנגעזען, אבער ווען ס'איז געקומען דער טאג וואס מ'האט געזען אז ס'איז שוין איינמאל אמת דאס וואס די מאמע האט אים געזאגט.

זאגט ער אזוי, ביי די געשעעניש וואס ווען יוסף איז ארויסגעקומען אלס מלך אין מצרים האט מען למפרע געזען אז די אלע געוויינערייען וואס מ'האט געמיינט אז ס'מאכט נישט קיין פירות און ס'איז נישט עושה רושם, האט מען שוין איינמאל געזען וואספארא כח דאס האט.

## נעמען חיזוק אויף דעם הבטחה פון 'מנעי קולך מבכי'

אונז שטייען אויך היינט ראש השנה און אונז גייען אויך וויינען צו רחל, כידוע אז דער ערשטער טאג ראש השנה איז **בחינת לאה** און דער צווייטער טאג איז **בחינת רחל**, און אונז האבן היינט געהאט אין די הפטורה אויך אן ענליכע זאך, נישט די מעשה פון יוסף אויפן וועג קיין מצרים, אבער אויך א מעשה ווי רחל וויינט, דארט איז געווען די מעשה אז יוסף האט געוויינט צו די מאמע און די מאמע האט אים בארואיגט, **און דא האבן אונז די מעשה ווי די מאמע אליין וויינט, 'קול ברמה נשמע רחל מבכה על בניה', זי וויל זיך נישט לאזן טרייסטן, און דער אויבערשטער ענטפערט איר: בארואיג דיך, איך האב געהערט דיין געוויין, ס'וועט קומען א צייט וואס 'ושבו בנים לגבולם'**. אונז האבן עס דען געהערט? אונז האבן עס נישט געהערט, אונז גלייבן אבער אין ירמיה הנביא אז ער זאגט אז אזוי איז, איז עס אזוי! אונז ווייסן אזוי פיל אז ס'איז צרות און ביטער, אבער אונז גלייבן און דאס וואס ירמיה הנביא פארציילט אונז אז דער אויבערשטער האט געזאגט פאר רחל אז ס'גייט זיין גוט, ס'גייט קומען א ישועה ושבו בנים לגבולם.

אונז שטייען יעצט אין דער מצב אזוי ווי ווען יוסף האט זיך אויפגעהויבן פון דעם מאמע'ס קבר, וואס ער זאגט אז מ'האט אים געענטפערט, ער זאגט אז מ'האט אים בארואיגט אז ס'גייט זיין גוטס, אבער גארנישט האט זיך נישט געטוישט, אלעס איז די זעלבע ביטער, אונז קענען ווערן זייער צעבראכן ווען

אונז הייבן זיך אויף פון אזא הפטורה פון דעם צווייטן טאג ראש השנה ווי רחל וויינט און מ'בארואיגט איר, עפעס האט זיך דען געדרוקט און געטוישט צום גוטן? דערווייל זעען אונז נאר ווי דער גלות ווערט ערגער און ערגער, ס'איז ביטער מיט אלע סארטן שוועריקייטן וואס זענען דא. **דארפן אונז נעמען א ראיה, וואס איז געווען ביי יענע געווין, דארט האט אויך פאר א לאנגע צייט דערויף אויסגעזען אז ס'איז נישט גוט, אבער ס'איז געקומען דעם טאג וואס מ'האט געזען אז מ'האט אים יא געענטפערט, ס'איז יא געווען אמת.** ווען איז געווען דער טאג, דער טאג פון 'בצאתו על ארץ מצרים', און מ'האט געזען אז ס'איז יא געווען אמת. אה, ווען מ'פארציילט אונז די מעשיות אז רחל האט געוויינט און מ'האט געענטפערט, איז אלעס אמת, אלעס ווערט געענטפערט, די הבטחה איז דא און ס'גייט מקיום ווערן, אונז דארפן זוכה זיין ווען מ'וועט עס שוין דערלעבן אבער אלעס וואס מ'זאגט אונז צו אונז אמת און אזוי איז געווען די מעשה.

## די עדות פון יוסף

דאס זאגט דער פסוק אין תהלים, ס'קומט אזא טאג ווי ראש השנה און מ'ארבעט אריין מיט אלע כוחות 'תקעו בחודש שופר', איז די שכינה הקדושה מרמז אויפצואוועקן רחל'ס געוויין, און אפילו אין א זמן וואס 'בכסה ליום חגינו', אלעס איז באדעקט און מ'שטייט און משפט דעם ענין פון כלל ישראל 'חוק לישראל הוא משפט לאלקי יעקב', מ'משפט דעם ענין פונעם בית המקדש השלישי וואס ווערט אנגערופן על שם יעקב, און **מ'וויל טראכטן: איינער הערט דען אויס? איינער ענטפערט אונז דען? קומט מען אונז זאגן: יא יא, איך האב פאר דיר א גוטע ראיה, איך האב פאר דיר עדות אז דאס וואס דו טוסט ראש השנה, דו וויינסט און דאווענסט און ווארטסט שוין צו זען וואס ס'איז געווארן פון די גאנצע זאך, געדענק, 'עדות ביהוסף שמו בצאתו על ארץ מצרים'**, דארט האט אויך געדויערט לאנג פון די געוויין ביז מ'האט עס געזען, אבער ווען מ'האט עס געזען האט מען געזען, אוי ווי ס'איז אמת, ווען יוסף איז ארויסגעגאנגען אלס מלך אין מצרים האט מען געזען אז אוודאי איז אמת די גאנצע געשעעניש וואס איז פארגעקומען ביי רחל'ס קבר.

דאס דארף זיין אונזער חיזוק, דאס דערמאנט די קאפיטל תהלים, 'עדות ביהוסף שמו בצאתו על ארץ מצרים', דאס דארף זיין אונזער חיזוק אז יעצט ראש השנה גלייבן אונז וואס ירמיה הנביא זאגט, יא רחל וויינט און דער אויבערשטער וויינט מיט, און ס'גייט מקויים ווערן און אונז וועלן זוכה זיין צום **'מדי דברי בו זכור אזכרנו עוד רחם ארחמנו נאום ה'**'. דאס איז די געוואלדיגער חיזוק וואס אונז זעען פון יוסף הצדיק'ס אייגענעם איבערלעבעניש, אז אלעס ווערט אויסגעהערט אפגעזען ווי ווייניג מ'זעט פון דרויסן, אלעס ווערט

געהערט און אלעס ווערט אנגענומען און אונז וועלן אי"ה זוכה זיין ס'זאל נתגלה ווערן דעם **ושבו בנים לגבולם**. אזוי שטייט אויסגעשמועסט אין שער יששכר מורא'דיגע שטארקע חיזוק ווערטער ווי ווייט מ'דארף ארבעטן און גלייבן און נאכאמאל מתפלל זיין טראץ וואס מ'זעהט נישט באלד ווי מ'ווערט געענטפערט, אזוי ווי מ'זעט טאקע ביי יוסף הצדיק.

## רחל ווארט אויף די ענדגילטיגע 'ושבו בנים לגבולם'

אולי מיט דעם יסוד קען מען זאגן אזוי צו פארענטפערן דעם ענין פארוואס מ'דערמאנט נישט די זכירה פון רחל'ן, ווייל אויב אונז וועלן דערמאנען ראש השנה די געוואלדיגע זכירה לטובה אז דער אויבערשטער האט געדענקט רחל, קען זיין דערינען א שטיקל פראבלעם, ווייל ס'קוקט עפעס אויס ווי רחל איז געווען אין אן עת צרה און דער אויבערשטער האט איר געהאלפן, למעשה איז דאך אבער רחל איז ווייט פון א געהאלפענער, רחל האט אפשר געהאט איין שטאפל אין לעבן וואס זי איז געווען אין אן עת צרה 'ורחל עקרה' און דער אויבערשטער האט איר געהאלפן, אבער יעצט ברענט דא פאר אונז נאך א פראבלעם וואס רחל האט, אונז האבן א פראבלעם פון 'רחל מבכה על בניה', וואס זי שטייט און וויינט אויף אירע קינדער 'בכי תמרורים', אונז ווילן ווייזן ביום ראש השנה אז רחל איז נישט קיין געהאלפענער, קום אונז נישט זאגן זכירה לטובה אז רחל איז א געהאלפענער, ווייל רחל שטייט און וויינט, און ווילאנג ס'וועט נישט ווערן אויסגעפירט דעם 'מנעי קולך מבכי ושבו בנים לגבולם', איז רחל נישט קיין געהאלפענער

אוודאי דעמאלס איז דאס געווען א געוואלדיגע זכירה לטובה, אבער די שלימות וועט רחל ווען זיין צופרידן וועט זיין ווען ס'וועט מקויים ווערן דעם 'ושבו בנים לגבולם', דעמאלס וועלן אונז זיין צופרידן, דאס ווילן אונז ראש השנה אז אונז דארפן האבן דעם 'רחם ארחמנו', דעם 'הבן יקיר לי אפרים' אז ס'זאל זיין אינגאנצן בשלימות. אולי קען אפשר זיין אזא רמז אין דעם וואס מ'וויל דוקא מעורר זיין אז מ'זאל מער העלפן און אינגאנצן העלפן רחל אז ס'זאל זיין פאר איר אינגאנצן א זכירה לטובה בשלימות אויף דעם געוויין וואס מ'דערמאנט אין דעם צווייטן טאג ראש השנה.

* * *

# פרק ד: 'וישוכו המים' מיט א טיפערע באדייט

בנוגע דאס וואס מ'האט דערמאנט אז 'זכרונות' פון א יחיד קען נישט ווערן פאררעכענט אלץ איינער פון די פסוקים פון זכרונות נאר אויב ס'קומען ארויס פון דעם א רבים, איז פאסיג מוסיף צו זיין אן ענין וואס אין א פריערדיגע געלעגענהייט איז שוין אויסגעקומען צו שמועסן אביסל באריכות פון דעם.

## געדענקט נח, אדער כלל ישראל?

דאס איז בנוגע וואס מ'דערמאנט אינעם נוסח פון 'זכרונות', **וגם את נח באהבה זכרת, ותפקדיהו בדבר ישועה ורחמים**, און מ'האט זיך דעמאלס געשטעלט און אויסגעשמועסט וויאזוי מ'פארטייטשט די ווערטער 'וגם את נח', דארט דערמאנט מען טאקע דעם רבים, מ'דערמאנט **להרבות זרעו כעפרות תבל וצאציו כחול הים**, האט מען געהאט אויסגעשמועסט צי דער 'להרבות זרעו כעפרות תבל' גייט ארויף אויף די גוי'שע קינדער, די 'בני נח', אדער גייט עס ארויף דוקא אויף די אידן.

שפעטער איז אונטער געקומען א שטיקל **אורח לחיים** (האזינו), וואו ער פארטייטשט עס זייער שיין, וועט מען דא איבערצוזאגן דאס שטיקל 'אורח לחיים': טייטשט ער עס אזוי, די **באהבה** וואס מ'זאגט דא, פשוט זעט עס אויס ווי די אהבה צו נח. זאגט ער, ניין, די 'באהבה זכרת' גייט ארויף אויף די אהבה וואס דער אויבערשטער האט צו כלל ישראל, דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט בשביל ישראל, צוליב די אהבה וואס דער אויבערשטער האט געהאט בתחילה להיטיב לישראל, אלעס איז לטובת כלל ישראל, און אט דאס איז וואס אונז ווילן דוקא דערמאנען אין ראש השנה בתחילת הבריאה, מ'דערמאנט פארוואס האסטו באשאפן די וועלט, נאר פאר כלל ישראל. אונז קומט אויס אז די גאנצע השתלשלות, אלעס האט געדארפט געשען אז ס'מוז בלייבן א וועלט נאר אנצוקומען צום תכלית אז ס'זאל ארויסקומען כלל ישראל, **איז ווען דער אויבערשטער האט געראטעוועט נח האט ער נישט געראטעוועט ווייל דער אויבערשטער האט אים ליב געהאט, מ'האט געראטעוועט נח ווייל ס'איז געווען 'באהבה', צוליב די אהבה וואס מ'שטייט און מ'ווארט פון בריאת העולם אן, אז ס'מוז דאך אמאל ארויסקומען א כלל ישראל**, וואס דעריבער מוז דאך זיין איינער וואס זאל אנהאלטן די וועלט ווייטער כדי אז סוף כל סוף זאל ארויסקומען כלל ישראל.

## אלס צוליב די אהבה צו כלל ישראל

טייטשט ער אזוי, 'וגם את נח באהבה זכרת' פונעם ערשטן אהבה וואס דער אויבערשטער האט ליב געהאט די אידן בשעת בריאת העולם, וועגן דעם האט ער אים געדענקט, אז וואס, אז אויב ס'איז דא א מבול מוז מען דאך איינעם לאזן און די גאנצע תכלית וואס מ'האט אים איבערגעלאזט איז נאר געוועזן צוליב די אהבה. דאס איז מען ממשיך **על כן**, מיינט מען אזוי ווי לאפוקי אז מ'זאל מיינען אז מ'רעדט פון נח אליין, נאר 'על כן' צוליב די אהבה צו די אידן איז געווען **'זכרונו בא לפניך'**, מ'איז מדגיש אז מ'מיינט גארנישט נח, נאר אלס מיינט מען נאר אנצוהאלטן די בראשית בשבית ישראל שנקרא ראשית נאר דערצו מוז מען האבן א נח וואס זאל איבערלעבן כדי צו קענען אנקומען צו דעם. איז די זכרונו בא לפניך זאגט ער קלאר ווייל מ'האט עס נאר געטון ווייל מ'האט אים געדארפט האבן אז ס'זאל קענען שפעטער **להרבות זרעו כעפרות תבל**, אז ס'זאל ארויסקומען כלל ישראל.

האבן אונז א שטיקלע אורח לחיים וואס לערנט אונז אויס טייטשן דאס דאווענען ראש השנה זייער שטארק אז אלעס גייט ארויף אויף כלל ישראל, און דאס איז בשייכות צו ראש השנה די זמן פון 'בראשית בשביל ישראל שנקראו ראשית', אלס כדי מעורר צו זיין די אהבה קדומה, און נח האט מען נאר געדארפט האבן פארדעם אז ער זאל איבערפלאנצן די וועלט כדי צו קענען האבן א כלל ישראל, ממילא איז דאס יא א תפילה און א זכרון לטובה פאר די אידן.

*

## א קאכעניש ביי 'וישוכו המים'

מ'וועט צוענדיגן מיט א ווארט וואס איך האב לעצטענס געהערט, און איך האב פרובירט מברר צו זיין די פונקליכקייט פון דעם. איז דא א ווארט פון **הרה"צ ר' אלעזר דער קיוויאשדער רב זצ"ל**, וואס ער האט עס פארשריבן אין זיין כתב יד זייער בקיצור, איך האב עס געהערט מפי השמועה אביסל ארום און ארום, אבער די נקודה איז, אז מ'קומט צו דעם פסוק פון מוסף ראש השנה, **ויזכור אלקים את נח ואת כל החיה ואת כל הבהמה אשר אתו בתיבה ויעבר אלקים רוח על הארץ וישוכו המים**, דאס גייט דאך ארויף אויף דעם אז ס'האט זיך בארואיגט די וואסער פון די מבול. די מבול איז דאך א זאך וואס איז שוין אן עבר ס'איז שוין אמאל געווען און ס'קוקט נישט אויס ווי דאס איז אן אקטועלן נושא וואס דרוקט נאך איינעם אויפן הארץ.

איז אבער געווען אמאל אז **הרה"ק רבי משה'לע ראזוואדאווער זי"ע**[ד] איז געווען שליח ציבור ביי מוסף דראש השנה, און **בשעת'ן דאווענען די הויכע שמו"ע פון מוסף האט ער זיך זייער מתאמץ געווען און זיך שטארק צוקאכט ביי די ווערטער 'וישוכו המים', מ'האט געזען ווי ער לייגט אריין אין די ווערטער א גרויסע עבודה.** און ס'איז געווען א גרויסער חידוש, ווייל בפשטות איז די ברען פון ראש השנה נישט ביים 'וישוכו המים' אז די וואסער פון די מבול האבן זיך בארואיגט.

## "לשון הנחת חימה"

זעט זיך אויס אז נאכן דאווענען האט אים דער טאטע **הרה"ק ר' אליעזר'ל דזיקובער זי"ע** געפרעגט דערויף, האט ער געזאגט, אז ווען ער האט געזאגט די ווערטער 'וישוכו המים' האט ער געטראכט דאס לשון פון **רש"י**, רש"י הקדוש אין פרשת נח זאגט אויפן פסוק וישוכו המים אז דאס מיינט אזוי ווי **כשוך חמת המלך**, אזוי ווי די צארן פון אחשוורוש וואס ער האט זיך בארואיג, **לשון הנחת חימה.**

ער האט לכאורה געמיינט צו זאגן לויט ווי ס'איז באקאנט אז 'המלך' אין די מגילה גייט ארויף אויפן אויבערשטן, איז דער ענין פון 'כשוך חמת המלך' אז ס'בארואיגט זיך די צארן פונעם אויבערשטן, לויט דעם רעדט מען דא פון אן ענין פון 'ברוגז רחם תזכור', איבערצודרייען פון רוגז אז ס'זאל זיין 'כשוך חמת' און ס'זאל זיך איבערדרייען לרחמים. האט ער אינזין געהאט ביי די ווערטער וישוכו המים אז ס'זאל נמתק ווערן אלע דינים לרחמים, אזוי ווי רש"י שטעלט צו דעם פסוק כשוך חמת המלך. אזוי ברענגט דער קיוויאשדער רב דעם ענין. עד כאן וואס דער קיוויאשדער רב האט דארט פארצייכנט.

אין זיין ספר וואס ער האט געשריבן אויף רש"י, איז דער קיוויאשדער רב מדייק נאך אסאך שטערקער, אז לכאורה וויל רש"י דארט ברענגען א ראיה אז 'וישוכו' טייטשט בארואיגט. און אויף דעם ברענגט ער צו דעם לשון 'כשוך' וואס טייטשט בארואיגט. אבער אויב אזוי וואלט רש"י געדארפט זאגן נאר אז

---

ד. ער איז געווען א זון פון הרה"ק ר' אליעזר'ל דזיקובער זי"ע. לויט ווי דער קיוויאשד'ער רב האט זיך עס פארצייכנט, האט ער עס געהערט פון זיין קאזין הרה"צ רבי אביגדור פון בארניב, וואס די קיביאשדער רב'ס מאמע איז געווען דער בארנובער רב'ס טאכטער, און דער ר' אביגדור ער איז געווען אן ערשטע קאזין, און ער איז אויך געווען שפעטער רב אין בארנוב.

ר' משה'לע ראזוועדאווער איז געווען בעל תפילה ביי זיין טאטע ר' אליעזר'ל דזיקובער. איך האב גערופן מברר זיין ביי איינע פון די אייניקלעך וואס געבן זיך שטארק אפ מיט תולדות צדיקי בית ראפשיץ, אז שפעטער ווען ר' משה'לע ראזוועדאווער איז אליין געווארן רבי איז ער נישט געווען בעל תפילה אין די הייליגע טעג, ער האט נישט געהאט קיין כח, ער איז געווען א שוואכער גוף, אבער זעט זיך אויס אז ביי זיין טאטע איז ער יא געווען. איך בין נישט באקאנט צי ער האט געדאוונעט צומאל אדער ער איז בקביעות געווען די בעל תפילה פון מוסף.

דאס א לשון 'הנחה'. אבער דערווייל זעהן מיר אז רש"י שרייבט **'לשון הנחת חימה'** בארואיגן א צארן, דאס האט נישט מיט וישוכו המים, דאס האט נאר צו טון מיט כשוך חמת המלך, רש"י אין פרשת נח דארף דאך נישט מסביר זיין א פסוק אין מגילה, טא, פארוואס זאגט רש"י לשון הנחת חימה? נאר **זעט זיך אויס אז רש"י האלט אז דער ענין פון הנחה פון די מבול האט אויך עפעס אן ענין פון הנחה פון צארן.**

## מדת הדין איז מסכים צום רחמים

מ'זעט עס אין **אגרא דכלה** און אין אסאך ספרים אז די גאנצער ענין פון די מבול איז געווען ווי רש"י ברענגט, אז קודם האט די מדת הרחמים מסכים געווען צו די מדת הדין, און שפעטער איז געווען **ויזכור 'אלקים' את נח** אז אפילו די מדת הדין האט מסכים געווען צו רחמים, די פסוק דערמאנט מען טאקעביים דאווענען פון ראש השנה **ויזכור אלקים**, מ'דערשרעקט זיך אז מ'זעט מדת הדין, אבער פארקערט דאס איז געווען דעם חידוש אז די מדת הדין איז געווארן איבערגעדרייט צו רחמים.

קומט אויס אז א חלק פון די טייטשט אין 'וישוכו המים' איז **לשון הנחת 'חימה'**, די צארן איז אויך נוגע דא, ווייל דא איז אויך געווען א צארן פון מדת הדין, און ווען ס'איז געווען 'וישוכו המים' איז נישט נאר די וואסער בגשמיות האט זיך בארואיגט, נאר אפילו די מדת הדין האט זיך אויך בארואיגט. פארשטייט מען זייער גוט דעם צושטעל פון 'כשוך חמת המלך'[ה], און דאס האט ער אינזין געהאט ביים דאווענען ראש השנה 'וישוכו המים' אז די מדת הדין זאל נמתק ווערן אזוי ווי ס'איז געווען דארט.

## געדענקן דעם מבול

בדרך אגב איז ווערד צו פארצייכענען וואס ידידי **מוה"ר יצחק שי' ראזענבלום** האט מיר צוגעוויזן אין ספר **רב ייבי** אויף תהלים (ט יז), ווי ער שמועסט אויס אז די פסוק באדויערט דאס וואס די רשעים פארגעסן פון די מבול, וואס אין אמת'ן אריין דארף מען דאס אייביג געדענקען. ער איז מסביר פארוואס מ'דארף אזוי וויכטיג געדענקען דעם מבול, ווייל ביי די מבול האט

---

ה. א קליינע הערה וואס איז מיר נתעורר געווארן אויף דעם רש"י, אז ס'איז דא נאך א רש"י אין פרשת קרח אויפן פסוק 'והשיכותי מעלי', דארט ברענגט אויך רש"י אראפ א פסוק אז דאס איז א לשון פון בארואיגן, און דארט ברענגט רש"י אן אנדערעם פסוק, 'וחמת המלך שככה', אויך פון דער מגילה. הרה"ח ר' אברהם סיגלער ע"ה האט אמאל געמאכט א גאנצע טעמע פון דעם אין זיינע לעגענדארע גליונות.

מען געזען אז ווען מ'האט געזינדיגט איז די 'מדת הרחמים' געווארן 'דין', און מ'דארף געדענקען אז מ'קען זיך נישט פארלאזן אויף מדת הרחמים און דערביי טון וואס מ'וויל, נאר מ'דארף אכטונג געבן אז מ'זאל עס נישט איבערדרייען לדין. אידישע קינדער געדענקען אלעמאל דעם ענין אז מ'דארף אכטונג געבן אז די מדת הרחמים זאל טאקע בלייבן רחמים. ער טייטשט דארט אויס דעם פסוק '**כל גוים שכחי אלקים**', די גוים פארגעסן דעם ענין, אבער אידישע קינדער געדענקען עס יא. ס'איז א שטארקע יסודות'דיגער ענין אז מ'דארף געדענקען אלעמאל זיך צו אויפפירן ווי ס'דארף צו זיין, אזוי אז די 'מדת הדין' זאל ווערן 'רחמים, אזויווי מ'זעהט ביי נח, **ויזכור 'אלקים' את נח.**

לכאורה איז אביסל אינטערעסאנט די מעשה וואס מ'האט פארציילט פון ר' משה'לע ראזוודאווער אז ער האט געמאכט אן עסק פון דעם רש"י. קודם איז אינטערעסאנט ווייל דאס וואס איבעראל 'המלך' אין דער מגילה מיינט דעם אויבערשטן איז דווקא ווען ס'שטייט המלך סתם, און דערווייל ברענגט רש"י דעם פסוק 'כשוך חמת המלך' וואס דארט שטייט יא 'אחשורוש', נאר רש"י ברענגט עס נישט אראפ. לכאורה ווען רש"י וואלט אראפגעברענגט דעם פסוק 'וחמת המלך שככה' וואלט עס לכאורה געווען מער צוגעפאסט צום ענין ווייל דארט שטייט טאקע 'המלך' אליין'. דא רעדט מען דאך נאר פון 'כשוך חמת המלך אחשורוש' ווען מ'האט גע'הרג'עט ושתי, און דארט רעדט מען דאך פון ווען מ'האט אויפגעהאנגען המן, איז דאס אסאך א שטערקערער ענין פון 'הנחת חימה'.

און נאך מער חידוש, אין גמרא אליין שטעלט צו די 'וישוכו המים' לגבי דעם ענין אז ס'איז געווען 'ברותחין', ברענגט די גמרא די צושטעל פון 'וחמת המלך שככה', און נישט פון 'כשוך חמת המלך'. איז אינטערעסאנט פארוואס רש"י האט דא צוגעשטעלט 'כשוך חמת המלך' ענדערש ווי 'חמת המלך שככה'.

## "ושמך נורא על כל מה שבראת"

על כל פנים, דער ענין האט א קשר מיט דעם וואס 'חמת המלך - מלכו של עולם' טוט זיך בארואיגן דורך דעם ענין פון ביטול המן מיט עמלק, און מ'האט דאך דערמאנט די פקידת חנה וואס דאן ווערט געבוירן שמואל וואס האט אינגאנצן גע'הרג'ט דעם אגג. לערנען מיר אז **עס ווערט נתעורר דער כח פון מחיית עמלק אז ס'זאל זיין אינגאנצן 'ורוח הטומאה אעביר מן הארץ', ס'זאל זיין די התגלות מלכות שמים, 'ושמך נורא על כל מה שבראת' מיט אלע השפעות טובות לנו ולכל ישראל במהרה בימינו אמן.**

# פרק ה' - "שלאפן ראש השנה"

ווען מען גרייט זיך צו די הויעכע ליכטיגע זמנים , און די עבודה פון "ראש השנה" , פארנעמט א שטארקע פלאץ די הלכה פון זהירות פון "נישט שלאפן - ראש השנה" , א ענין וואס מען זוכט נישט קיין היתרים , ווייל ווער וויל דען פארשלאפן די מזל ...

מיר האבן באמת נישט קיין השגה און די טיפקייט פון דעם ענין, מען איז עס מקיים מיט "אמונה פשוטה" , אבער עס איז פלא'דיג צו כאפן א בליק, און זיך אביסל מתבוננן זיין אין די חלק "הנסתרות לה' אלוקינו", ווי מ'זעהט אז די סודות פון ראש השנה עפענען פאר אונז א פענסטער'ל צו אפלערנען די "מעשה אבות סימן לבנים" , וויאזוי יעדע טריט איז געווען מיט הייליגע חשבונות און געשאקלט וועלטן מיט המתקת הדינים , און מיט דעם וועט מען אביסל אריינבלאזן א ליכטיגקייט אין די "והנגלות לנו ולבנינו" - אז די אלע פעולות וואס מיר געפונען הלכה למעשה אין די חלק הנגלות שבתורה , האבן זייער שורש גאר גאר הויעך , ויה"ר עס זאל משפיע זיין לטובה בזכות המדות הקדושים.

די גאנצע שמועס איז מיוסד אויף א שטיקעלע אין ספה"ק מאור ושמש , און מ'פרובירט עס בס"ד אויסצוברייטערן , אפצולערנען די ענין מיט א קלארקייט.

## פארוואס פונקט פערצן יאר?

יעקב אבינו פאר ער איז געגאנגען חתונה האבן,האט ער זיך געזעצט לערנען אין ישיבת שם ועבר, פערצן יאר בלי הפסק. דארף מען פארשטיין וואס איז די מספר פון פערצן יאר? תורה האט דאך נישט קיין שיעור, און אויב דארף מען לערנען זאל ער לערנען פיל לענגער, און אויב דארף ער צומאכן די גמרא ווייל ער דארף חתונה האבן, זאל ער שוין יעצט גיין... און פארוואס האט יעקב אבינו פארשטאנען אז עס דארף זיין דווקא 14 יאר?

נאך א נקודה דארף מען זיך מתבונן זיין: די 14 יאר זענען געווען פון ווען יעקב אבינו איז אלט געווען 63 יאר, ביז ער איז אלט געווען 77 יאר, [ס"ג שנים איז ער געווען ווען ער האט באקומען די ברכות, און נאכדעם האט ער געלערנט נאך 14 יאר ביז ער איז געווארן 77 יאר] און אוודאי ביי מעשי אבות איז דאך קיין שום זאך נישט במקרה, [אזויווי מ'זעט ביי די יארן פון די אבות און אמהות וויפיל טיפע חשבונות ס'ליגט דוקא אין די מספר ווילאנג זיי האבן געלעבט וכו', ]וממילא ביי יעקב אבינו איז זיכער אויך דא א חשבון און א רמז אז ער

איז אוועקגעגאנגען פון טאטנס הויז דווקא ביי 63 און ער האט געלערנט ביז די 77, קען מען אפשר זאגן א מהלך דערין, מיט עטליכע הקדמות.

## עבודה פון לערנען - די זעלבע יארן ווי די עבודה מיט די שער

בפשטות וואלט מען געקענט זאגן אזא חשבון לגבי די 14 יאר, אז היות יעקב אבינו גייט דאך חתונה האבן מיט די צוויי הייליגע אמהות רחל און לאה, און מ'זעט דאך אז די הכנה וואס האט געדארפט זיין אנצוקומען צו די צוויי הייליגע צדקניות איז געווען זיבן יאר פאר רחל און זיבן יאר פאר לאה, [ד. ה. קודם האט ער געארבעט זיבן יאר און ער האט באקומען לאה און נאך די צווייטע חתונה מיט רחל האט ער משלים געווען נאך זיבן יאר פאר רחל], און כאטשיג פון איין זייט האט עס אויסגעזען אז לבן האט פארלאנגט ער זאל ארבעטן, שטייט אבער אין אלע ספרים אז ס'איז געווען א הויכע עבודה, ווייל ווען ער האט געפאשעט די צאן לבן האט ער אויפגעטון הייליגע ענינים, ער האט מעלה געווען גרויסע ניצוצות און נשמות ישראל וואס זענען געליגן באהאלטן אין די אלע שעף.

זעט מען אז ס'איז דא עפעס אן עבודה פון זיבן יאר הכנה פאר לאה און זיבן יאר הכנה פאר רחל, קען אפשר זיין אז די הכנה איז געווארן אויף צוויי אופנים, פונקט ווי ס'איז דא אן עבודה וואס צדיקים טוען מיט די פעולות פון פאשענען שאף, אזויווי יעקב אבינו בשעת'ן פאשענען די שעף האט ער אויפגעטון די גרעסטע זאכן, וואס דאס איז געווען א הכנה צום חתונה, אזוי איז אויך דא נאך א חלק העבודה, די חלק וואס ער האט אויפגעטון פאר דעם מיטן זיצן און לערנען אין בית מדרש פון שם ועבר, מיט דעם האט ער אויך אויפגעטון גרויסע כוחות פון הכנה. און אויב די הכנה דויערט זיבן יאר פאר לאה און זיבן יאר פאר רחל, פארשטייט מען פארוואס ס'האט געדארפט זיין 14 יאר לערנען, חוץ די 14 יאר וואס ער האט געארבעט מיט די צאן לבן, האט ער אויך געהאט 14 יאר הכנה וואס ער האט געלערנט תורה בבית עבר פאַרן גייט חתונה האבן, זיבן יאר פאר רחל, און זיבן יאר פאר לאה. אזוי וואלט מען געקענט זאגן א חשבון, [ס'קען זיין אז ס'שטייט שוין פון פריערדיגע ספרים].

## לויט'ן פלאן איז עס דאך נאר זיבן יאר?!

אבער לכאורה איז דא שטיקל קושיא צו גיין מיט דעם געדאנק, ווייל בפשטות ווי ס'זעט אויס איז יעקב'ס פלאַן נישט געווען צו חתונה האבן מיט ביידע, ער איז דאך אנגעקומען צו לבן און געזאגט 'אעבדך שבע שנים ברחל בתך הקטנה' (כט, יח), און לבן האט ארייגעשטופט לאה אָן זיין רשות, און אויב יעקב מצדו האט נאר געפלאַנט צו חתונה האבן מיט רחל אליינס, פאָדערט זיך נאר זיבן יאר הכנה און נישט קיין 14, און אויב מ'גייט אז די לערנען בבית עבר איז געווען א חלק פון די

הכנה, וואלט דאך יעקב אבינו - וואס ער האט נאר געוואלט חתונה האבן מיט רחל - נאר געדארפט זיין דארט זיבן יאר.

## עבודה פון "נישט שלאפן"

און מ'ווועט מקדים זיין נאך א נקודה וואס מ'דארף פארשטיין, רש"י ברענגט עה"פ (כח, יא) וישכב במקום ההוא, וז"ל: 'לשון מיעוט, באותו מקום שכב, אבל י"ד שנים ששמש בבית עבר לא שכב בלילה, שהיה עוסק בתורה' [=אז די 14 יאר איז ער נישט געשלאפן, און ערשט יעצט איז יעקב אבינו געגאנגען שלאפן]. באמת ווייסט מען דאך, אז צדיקים דינען דעם אויבערשטן מיט יעדע ריה, אבער די סיגוף 'נישט צו שלאפן' דאס איז א זאך וואס מ'טרעפט נישט געווענליך, אוודאי צדיקים שלאפן נישט ווי א בעל בית... זיי שלאפן נישט אזעלכע פעטע נעכט ווי סתם א מענטש... אבער די זאך אז מ'זאל דינען דעם אויבערשטן אויף אזא אופן אז מ'שלאפט נישט טרעפט מען [כמעט] נישט. וואס איז פשט אז פונקט ביי יעקב אבינו במשך די 14 יאר האט ער געהאט די עבודה פון 'נישט שלאפן', פארוואס זעט מען נישט - למשל - ביי אברהם אבינו וואס ער האט מפרסם געווען אלקותו יתברך בעולם אז ער נישט געשלאפן כדי דאס צו קענען טון? ס'מוז דא זיין עפעס אן הסבר, אז דייקא בפרטות ביי די סארט עבודה פון יעקב איז געווען דער ענין אז ער האט נישט געקענט שלאפן.

## אין א ביהמ"ד טאר מען זיך נישט "לייגן" שלאפן

איז דא דערויף זייער א זיסע פשט ע"פ פשוט, וואס ווערט געברענגט אין ספר מעגלי צדק, פון הרה"ק רבי מענדעלע דעעשער זי"ע: אוודאי בדרך הטבע איז דאך נישט מעגליך נישט צו שלאפן פערצן יאר, נאר ס'מיינט פשוט אז ער האט זיך נישט געלייגט שלאפן, היות יעקב אבינו איז געגאנגען אין בית מדרש פון עבר ווייל ער האט זיך דאך באהאלטן פון עשו, האט ער נישט געקענט ארויס גיין פון בית המדרש גיין שלאפן אין עפעס א קוואַרטיר, ווייל ער האט געדארפט בלייבן אין זיין באהעלטעניש. און די הלכה איז דאך (יו"ד רמו, טז) אז אין א בית המדרש טאר מען נישט גיין שלאפן א שינת קבע, האט ער נאר געקענט אראפלייגן די קאפ אויפן האנט. שטימט עס פשוט, ער האט נישט געקענט שלאפן די פערצן יאר ווייל ער האט נישט געהאט וואו צו שלאפן, ארויסגיין פון בית המדרש - האט ער נישט געקענט ווייל ער איז דאך אנטלאפן פון עשו, און אין בית המדרש - טאר מען נישט גיין שלאפן געהעריג, איז ער נאר געשלאפן מיט די קאפ אויפן האנט. און יעצט ווען יעקב אבינו איז ארויס אין וועג, איז ער דער ערשטע מאל געווען אינדרויסן פון בית המדרש, האט ער געקענט גיין שלאפן, דעריבער 'וישכב במקום ההוא'.

למעשה אבער, האט זיך יעקב אבינו אויפגעכאפט אינדערפרי, 'וייירא ויאמר מה נורא המקום הזה אין זה כי אם בית אלקים' (שם, יז), און אז דא איז אויך א בית המדרש איז עס דאך גארנישט

בעסער, האט יעקב אבינו געזאגט 'אם ידעתי לא ישנתי במקום קדוש כזה' (רש"י שם), ווען איך וואלט געוואוסט אז דא איז אויך א בית המדרש וואלט איך זיך נישט געלייגט דא שלאפן, ביז יעצט בין איך קיינמאל נישט געשלאפן ווייל איך בין געווען אין בית המדרש, און וואס איז יעצט בעסער?!.. אזוי ברענגט ער זייער א זיסע פשט, אז די נישט-שלאָפן איז געווען מחמת די הלכה'דיגע חלק, אז אין א בית המדרש טאר מען נישט שלאפן וכו'.

אבער ס'קען זיין ע"פ פנימיות איז דאך עס אוודאי געווען עפעס א הויכע עבודה נישט צו שלאפן פערצן יאר, דארף מען פארשטיין וואס איז יעצט געווען דער ענין פון אויסרייסן די שלאף.

מ'וועט נאכזאגן א שטיקל הקדמה, וואס אפשר הערט זיך עס ווי אביסל הויכע ענינים, אבער וויבאלד די הויכע ענינים זעט מען אסאך אין די חסיד'ישע ספרים, האָפט מען בסייעתא דשמיא אז אפילו אנשים כערכינו וועלן עס קענען פארשטיין.

## די נעמען "רחל" און "לאה" קומען פון הימל

די צוויי רעבעצינס פון יעקב אבינו 'לאה' און 'רחל', זענען געווען אויף די וועלט די צוויי צדקניות, אבער אויבן אין הימל זענען דא צוויי בתי דינים, צוויי כוחות, וואס איינס הייסט 'לאה' און איינס הייסט 'רחל', ס'איז דא א תשובה אין שו"ת רב פעלים (או"ח א, א) פונעם הייליגן בן איש חי זי"ע, וואס ער איז מסביר אז ס'נישט פשט אז די בתי דינים אויבן אין הימל הייסן 'נאך' די צוויי צדקניות, נאר פונקט פארקערט, אויבן אין הימל איז דא צוויי בתי דינים וואס איינס הייסט לאה און איינס הייסט רחל, און דער אויבערשטער האט צוגעפירט אז די צוויי צדקניות וואס גייען אויפשטעלן דעם אידישן פאלק זאלן הייסן אזוי ווי ס'הייסט אויבן אין הימל, ד. ה. אז די נעמען לאה און רחל זענען במקורם הימלישע נעמען.

## צוויי טעג ראש השנה - "רחל" און "לאה"

אזוי אויך ווען ס'קומט ראש השנה, ווייסט מען אז די צוויי טעג פון ראש השנה, איינס איז דינא קשיא און איינס איז דינא רפיא, איז דער ערשטע טאג בבחינת לאה ווייל די די בית דין פון לאה הייסט דינא קשיא, און די אנדערע טאג איז בבחינת רחל ווייל די אנדערע בי"ד איז דינא רפיא. [ס'איז דא אן אינטערעסאנטע חידוש'דיגע זאך וואס דער בני יששכר (תשרי ב, יא) איז מכריע אויף דעם וואס ס'איז דא א שמועס אין די אחרונים, איבער די ענין פון עסן די סימנים ראש השנה ביינאכט, וועלכע נאכט מ'דארף עס עסן, און דער בני יששכר איז מכריע אז מ'עסט עס נאר די ערשטע נאכט און נישט די צווייטע נאכט, און דער ענין איז וויבאלד דער ערשטע נאכט איז בבחינת לאה, און די צווייטע נאכט איז בבחינת רחל, און די מאכלים ווערן דאך אנגערופן 'סימנים', און מ'ווייסט דאך אז

רחל האט אוועק געגעבן די סימנים פאר לאה, דערפאר רחל - וואס זי איז די צווייטע נאכט ראש השנה - געבט אוועק די סימנים פאר לאה -וואס זי איז די ערשטע נאכט ראש השנה, און דעריבער זאל מען דוקא נישט עסן די סימנים די צווייטע נאכט, ארויס-צו-ווייזן די חשיבות פון רחל אז זי געבט אוועק די סימנים פאר לאה].

## כח פון שבת - א גאנצע יאר פון שותפות

שבת קודש האט אויך א שייכות צו ממתיק זיין דיביידע דינים פון לאה און רחל, אזוי ברענגט דער בני יששכר כמה פעמים, ווייל 'שבת' איז בגימטריא 'קשיא - רפיא'. און לויט דעם זאגט דער הייליגער בני יששכר (בס' בני יששכר ובס' אגרא דכלה בפרשתן) אז דאס איז די חשבון פארוואס יעקב אבינו האט געדארפט ארבעטן זיבן יאר, וויבאלד מ'האט געדארפט האבן א כח ממתיק צו זיין די דינים 'לאה' און 'רחל', און די המתקה ליגט אין די כח פון שבת, און זיבן יאר קומט אויס א גאנצע יאר פון שבת. סתם אזוי א יאר איז נאר 52 טעג דערפון שבת, און אויב וויל מען צוזאם שטעלן א גאנצע יאר 354 טעג פון שבתים, דארף דורכגיין זיבן יאר. [און ער ברענגט די ווארט פונעם מבשר צדק אז 'ימים אחדים' מיינט א יאר פון שבתות ], און דערפאר דארף מען האבן זיבן יאר הכנה פאר רחל און זיבן יאר פאר לאה, ווייל מ'דארף האבן א גאנצע יאר פון שבתות, און צוזאם-צו-שטעלן א יאר פון שבתות, דארף מען האבן זיבן יאר. און פארוואס דארף מען האבן א יאר פון שבתות? ווייל דאס איז ממתיק די צוויי בתי דינים פון לאה און רחל, דינא קשיא און דינא רפיא.

און דער הייליגער בני יששכר איז מסביר, פארוואס האט יעקב אבינו געוואלט נאר רחל, דאס איז געווען וויבאלד לאה איז שווערער ווי רחל, ווייל רחל איז נאר דינא רפיא, אבער לאה איז דינא קשיא, און יעקב אבינו מיט זיין הייליגן ענוה האט געטראכט אז ער האט נישט די כוחות אויף אויף די שווערע בחינה פון דינא קשיא, ער קען נאר די בחינה פון רחל, דערפאר האט ער געבעטן 'אעבדך שבע שנים ברחל בתך הקטנה'. אבער למעשה האט דער אויבערשטער געוויזן, אז ביי אים פעלט זיך אויס ביידע עבודות, צו ממתיק זיין ביידע ענינים, און דער אויבערשטער האט צוגעפירט אז ער זאל ארבעטן פערצן יאר סיי פאר לאה און סיי פאר רחל. עד כאן די הקדמה פון דער אגרא דכלה.

[לאמיר צוזאמנעמען: ס'איז דא צוויי בתי דינים אויבן אין הימל 'לאה' און 'רחל', וואס דאס זענען די צוויי טעג פון ראש השנה 'דינא קשיא' און 'דינא רפיא', די המתקה דערפון איז דער כח פון שבת, און וועגן דעם דארף מען האבן זיבן יאר פאר לאה און זיבן יאר פאר רחל, אז עס זאל זיין א יאר פון שבת, און דאס איז געווען די עבודה פון יעקב אבינו וואס האט נאר געוואלט לכתחילה רחל ווייל ס'איז גרינגער, אבער דער אויבערשטער האט יא געוויזן אז ער דארף מאכן ביידע 'קשיא' מיט 'רפיא', 'לאה' און 'רחל'].

## מאכן די הכנה פאר "רחל" און "לאה" - זיצנדיג אין ביהמ"ד...

קען מען אפשר זאגן אזוי, יעקב אבינו ווען ער איז ארויסגעגאנגען מבית אביו צו גיין חתונה האט ער שוין געוואוסט אז לבן האט צוויי טעכטער, [ווי רש"י ברענגט עה"פ (כט, יז) ועיני לאה רכות 'שהיו הכל אומרים שני בנים לרבקה ושתי בנות ללבן הגדולה לגדול והקטנה לקטן'] און לכתחילה האט יעקב אבינו געטראכט אז מ'קען מאכןביידע, סיי לאה און סיי רחל, סיי דינא קשיא און סיי דינא רפיא, אבער ער האט אויך געוואוסט אז דאס צו קענען אויפטון דארף מען האבן זיבן יאר פאר לאה און זיבן יאר פאר רחל, האט יעקב אבינו געטראכט וויאזוי צו מאכן דעם ענין. און כידוע אז צדיקים קענען דאך עוסק זיין בתורה דורך דביקות בה', בלויז מיט זייערע מחשבות קדושות קענען זיי אויפטון די גרעסטע פעולות, האט יעקב אבינו געטראכט: "איך וועל גיין אין בית המדרש אריין ביי שם ועבר, און איך וועל דארטן דינען דעם אויבערשטן פערצן יאר, זיבן יאר צו ממתיק זיין דער ענין פון רחל, און זיבן יאר ממתיק צו זיין לאה, מ'וועט אויפטון די גרעסטע המתקות אויף דינא קשיא און דינא רפיא, און נאכדעם וועט מען קענען גיין חתונה האבן רואיגערהייט..." פארשטייט מען זייער גוט תחילת מחשבתו פון יעקב אבינו אז ער וועט אויפטון די אלע תיקונים און די אלע המתקות זיצנדיג אין בית המדרש, וואס אויף דעם דארף ער האבן פערצן יאר כנ"ל.

## ראש השנה "שלאפט מען נישט"...

און לויט דעם פארשטייט מען זייער גוט פארוואס יעקב אבינו איז נישט געשלאפן, און נאר נאך די פערצן יאר 'וישכב במקום ההוא'. - דעם יסוד ווערט געברענגט אין ספר צמח צדיק פון הרה"ק רבי מנחם מענדיל מוויזניץ זי"ע, ער זאגט עס על פי דרכו בקודש, אבער דער יסוד איז - וויבאלד יעקב אבינו האט דאך יעצט עוסק געווען בעניני ראש השנה, זיין עבודה די פערצן יאר איז דאך ממש געווען די עבודה פון די צוויי טעג פון ראש השנה, ממתיק צו זיין די דינים פון לאה און פון רחל, די דינא קישא און די דינא רפיא, און ראש השנה טאר מען דאך נישט שלאפן, ווי חז"ל זאגן 'מאן דדמיך בריש שתא דמיך מזליה', אז מען פארשלאפט די מזל, און וויבאלד יעקב אבינו טוט דאך די פעולות פון ראש השנה טאר מען נישט שלאפן.

אבער ווען יעקב אבינו האט געענדיגט די פערצן יאר, און מ'האט שוין אויפגעטון וואס מ'דארף אויפצוטון, קען מען שוין שלאפן. [דער צמח צדיק ברענגט פונעם אר"י הק' אז ראש השנה נאכמיטאג מעג מען שוין שלאפן, ווייל איינמאל מ'האט שוין אויפגעטון די פעולה מיט די שופר, איז שוין נמתק געווארן די דינים, קען מען שוין שלאפן]. וועגן דעם איז יעקב אבינו געשלאפן ווייל ער האט געוואוסט "איך האלט שוין נאך די עבודה פון ראש השנה, איך האב שוין ממתיק געווען דעם דינא קשיא מיט דעם דינא רפיא".

## שפעטער האט ער געוואלט נאר רחל?

האבן מיר שוין א הסבר אויף די ערשטע חלק פון די מעשה פארוואס ער איז געוועזן 14 יאר, און פארוואס מען קען נישט שלאפן, ווייל מ'טוט דא די עבודה פון ראש השנה ממתיק צו זיין לאה און רחל וכו'. וואס איז אבער געווען די צווייטע חלק פון די מעשה, פארוואס שפעטער האט ער נאר געוואלט רחל?

דאס צו פארשטיין, וועט מען מקדים זיין א ווארט פונעם הייליגן ישמח ישראל פון אלכסנדר זי"ע, אין פרשת ויגש, זאגט ער, אז יעקב אבינו האט געוואוסט אז מצרים איז א געפערליכע פלאץ, און מ'דארף א שטארקע שמירה, און די גמרא זאגט דאך דריי עצות קעגן דער יצר הרע, תורה, קריאת-שמע און יזכיר לו יום המיתה, און וויסנדיג אז אין מצרים דארף מען א שטארקע שמירה פון די יצר הרע האט יעקב פרובירט מיט די עצה פון תורה, כמ"ש (מו, כח) 'ואת יהודה שלח לפניו אל יוסף להורות לפניו', און ווי רש"י זאגט 'לתקן לו בית תלמוד שמשם תצא הוראה', ער זאל אנגרייטן א מקום תורה, ווייל מתחילה - ווען האט ער נאר געהאט געוואוסט פון מצרים פון דערווייטענס - האט יעקב אבינו געמיינט אז דער ערשטע עצה פון תורה איז גענוג שטארק אויף שמירה קעגן די יצר הרע פון מצרים.

## ווען מ'קומט נענטער זעט מען די ביטערע מציאות...

אבער שפעטער ווען ער איז געקומען נענטער קיין מצרים, האט ער געזען אז ס'איז פיל ערגער ווי ער האט געמיינט, ס'איז סאך א שווערערע ארבעט זיך צו מתגבר זיין קעגן מצרים, די ערשטע עצה איז נישט גענוג, מ'דארף גיין צו די צווייטע עצה, דעריבער האט יעקב אבינו געליינט קריאת שמע [ווי רש"י ברענגט (שם, כט) ד"ה ויבך] ווייל ער האט אנגעהויבן מרגיש צו זיין אז מצרים איז א שווערערע פעלד ווי וואס ער האט געמיינט מתחילה.

איז אבער געקומען יוסף הצדיק, וואס איז שוין דארט א משך זמן, און ער האט דאך געוואוסט אז מצרים איז פיל ערגער, האט יוסף אנגעהויבן צו וויינען, 'ויבך על צואריו עוד', ער האט געמיינט צו מרמז זיין פאר זיין טאטע: "דו מיינסט אז קריאת-שמע איז דא גענוג? די מצב איז היבש ערגער!..." אזיווי יעקב אבינו האט מרגיש געווען פון יוסף'ס בכיה אז די מצב איז נאך ערגער, האט ער פארשטאנען "אה! מ'מוז שוין גיין צו די דריטע עצה, 'ויאמר ישראל אל יוסף אמותה הפעם' (שם, ל), איך מוז שוין דערמאנען דעם יום המיתה! איך זע אז דא איז אזוי געפערליך, אז מ'דארף האבן אלע דריי עצות זיך צו קענען שטארקן!" עד כאן דבריו הקדושים פונעם ישמח ישראל.

על פי זה קען מען זאגן אזוי, יעקב אבינו האט געוואוסט אז ס'איז דא אן עבודה פון 'לאה'

און 'רחל', פון 'דינא קשיא' און פון 'דינא רפיא', אבער דאס איז אלס געווען ווען ער האט עס נאר געהערט פון דערווייטענס, דעמאלטס האט ער געטראכט אז דאס קען מען טון אין בית המדרש בדביקות המחשבה און ממתיק זיין פערצן יאר פאר רחל און פאר לאה, און נאך די 14 יאר האט ער געהאלטן אז מ'קען שוין גיין שלאפן... מ'האט שוין געבלאזן שופר... מ'האט שוין ממתיק געווען די צוויי טעג פון ראש השנה.

## די ארבעט איז שווערער ווי כ'האב געמיינט...

קומט יעקב אבינו אָן צו די מראה הסולם, און ער הערט די דיבורים פון אויבערשטער, זייער שטארקע דיבורים, דער אויבערשטער זאגט (כח, טו) "ושמרתיך בכל אשר תלך [=איך וועל דיר אפהיטן פון אלעם בייזן]...כי לא אעזבך עד אשר עשיתי את אשר דברתי לך", ער האט נישט פארשטאנען וואס זענען די גרויסע שמירות וואס מ'דארף דא האבן?! האט ער אנגעהויבן צו מרגיש צו זיין: "זעט אויס אז די פלאץ צו וואו איך גיי יעצט איז פיל אַן ערגערע פלאץ פון וואס איך האב מיר פארגעשטעלט, אפשר טאקע לאה און רחל מצד עצמם צו ממתיק זיין דאס קען מען טון אין בית המדרש, ווען ס'וואלט נישט געווען קיין כח המנגד, אבער ליידער איז דא 'לבן' אויך... וואס 'לבן בקש לעקור את הכל', ער וויל שטערן די גאנצע עבודה..." - אזוי ווי דער הייליגער חיד"א ברענגט [בס' גאולת עולם על הגש"פ] אז 'לעקור את הכל' איז מרמז אז לבן האט געוואלט שטערןביידע בחינות, סיי פון רחל און סיי פון לאה, 'לעקור' איז מרמז אויף רחל עקרת הבית, און ל'עקור א'ת ה'כל איז די ראשי תיבות לא"ה.

ממילא, יעקב אבינו כאפט זיך אויף און ער הערט אז דער אויבערשטער דארף אים אפהיטן נאכאמאל און נאכאמאל, זאגט יעקב אבינו: "אה, איך זע אז די מערכה איז סאך א שווערערע מערכה ווי איך האב געטראכט מתחילה, איך האב געמיינט אז נאך די פערצן יאר בין איך שוין פארטיג, איך קען שוין שלאפן, זע איך אבער אז איך בין נאך ווייט נישט פארטיג מיט די עבודה פון לאה און רחל, ווייל דא איז א געפערליכע פלאץ... דא האַנדל איך מיט א 'לבן'... 'ואנכי לא ידעתי', ווען איך וואלט געוואוסט אז איך האלט נאך "פאר" תקיעת שופר... איך האלט נאך פאר די המתקה... וואלט איך נישט געשלאפן, איך בין נאר געגאנגען שלאפן ווייל איך האב געמיינט אז נאך פערצן יאר האב איך שוין אויפגעטון פאר לאה און פאר רחל".

## "אזא" ארבעט - וויל איך נאר "רחל"...

און אזויווי יעקב אבינו האט געזען אז די ארבעט איז סאך שווערער, קומט ער אן קיין חרן טראכט ער: "אויב איז די עבודה אזוי שווער, האב איך שוין מורא זיך אונטער צו נעמען לאה... [לאה איז דאך שווערער ווי רחל], ווילאנג איך האב געמיינט אז איך קען עס טון אין בית המדרש פון עבר

צווישן די פיר ווענט מיט א דביקות, האב איך טאקע געמיינט אז איך וועל קענען מאכןביידע, האב איך געמאכט די חשבון פון פערצן יאר. אבער יעצט ווען איך קום אָן דא, און איך זע מיט וועמען מ'האט דא צו טון, אפשר 'רחל' וועל איך קענען באווייזן, אבער אויף 'לאה' בין איך נישט גרייט, איך האב נישט די כוחות אויף דעם..." אזוי האט יעקב אבינו געהאלטן ברוב ענוותנותו. און דעריבער האט ער יעצט געטוישט פון די פריערדיגע פערצן, און ער איז אראפ געגאנגען צו זיבן, 'אעבדך שבע שנים'.

אבער אין הימל האט מען דאך געוואוסט די כוחות פון יעקב אבינו אז ער קען יא מאכן ביידע, האט מען צוגעפירט פון הימל אז ס'זאל יא זיין פערצן, נאך 14 יאר וואס יעקב אבינו האט געארבעט מיט פיל א שווערערע עבודה דארטן בבית לבן, מיט די אלע העכערע פעולות פון פאשענען די צאן לבן, האט ער אויפגעטון וואס ער האט געדארפט אויפצוטון, ער האט ארויסגעשלעפט פון לבן די צוויי הייליגע כוחות הקדושה פון לאה און רחל, און ער האט ממתיק געווען דינא קשיא און דינא רפיא, אלעס האט יעקב אבינו געקענט אויפטון.

און מ'זעט טאקע אז אויף די גאנצע זמן וואס ער איז געווען ביי לבן האט ער אויך געזאגט שפעטער 'ותדד שנתי מעיני', אז ער איז נישט געשלאפן, און דאס איז געווען אויפן זעלבן חשבון, ווייל אויב האלט מען נאך אינמיטן די עבודה פון ראש השנה, מ'האלט נאך אינמיטן ארויסשלעפן די קדושה פון לאה און רחל, קען מען נאך נישט שלאפן...

מיט די שמועס קען זיין מרומז, די יארגאנג ווען ער האט געלערנט ביי שם ועבר, ער איז געווען ס"ג כשנתברך, און ער האט געארבעט ביז די ע"ז.

און מ'וועט מקדים זיין א מעשה פלא:

## די "שווערע" פארהער פונעם ראש הקהל

א מעשה וואס ס'הערט זיך מער ווי א ווערטל, [אבער ווי מ'וועט באלד זען איז עס אינגאנצן נישט קיין ווערטל...] בשעת מ'האט אויפגענומען דער הייליגער אפטער רב זי"ע אויף רבנות ביי איינע פון די שטעט , איז געווען דארט דער ראש הקהל, [ווי באקאנט זענען די פארצייטישע ראשי קהילה לאו דווקא געווען די גרעסטע ת"ח, אבער דער ראש הקהל האט געהאלטן אז ער פארשטייט אן ענין...] האט ער געוואלט זאגן מבינות אויפן נייעם רב, און ער האט פארלאנגט אז כדי צו קענען אויפנעמען דעם רב, דארף ער אים ערשט פארהערן, ער האט אים צו פרעגן א שאלה, און ער וויל זען צי דער אפטער רב איז טאקע ראוי לאותו איצטלא צו זיין רב אין שטאט וואו ער איז ראש הקהל.

זיצנדיג אזוי צוזאמען מיט די פני הקהל, מיט די גאנצע עולם, רופט זיך אן דער ראש הקהל אז ער וויל פרעגן א שאלה פונעם רב, און ער וויל זען צי דער רב וועט קענען ענטפערן דערויף. פרעגט דער ראש הקהל אזוי: "לבן איז דאך געווען א געפערליכע רשע, וואו זעט מען אז לבן האט געוואלט הרגנ'ן הבל?" [זעט אויס אז דער ראש הקהל האט נישט געוואוסט אז הבל איז שוין גע'הרג'ט געווארן מער ווי צוויי טויזנט יאר פאר די מעשה מיט לבן... אבער אזוי איז אים איינגעפאלן א קשיא, 'וואו זעט מען אז לבן האט געוואלט הרגנ'ן הבל?'] עס פארשטייט זיך אז אזא סארט שאלה איז זייער שווער צו קענען ענטפערן. אבער דער הייליגער אפט'ער רב האט באלד געענטפערט: "וואס הייסט ס'איז דא א בפירוש'ע מקור אז לבן האט געוואלט הרגנ'ן הבל, ס'שטייט דאך אין די הגדה 'ולבן בקש לעקור את הבל'..." דער ראש הקהל האט אזוי הנאה געהאט פונעם תשובה, און ער האט אים משבח געווען בפני קהל ועדה אז דאס איז טאקע א פאסיגע רב! אז ער קען וויסן אזא זאך, וואס קיינער פון די אלע מענטשן דא האבן נישט געקענט ענטפערן, און דער אפט'ער רב האט באלד געוואוסט צו ענטפערן אז עס שטייט אין די הגדה אז לבן האט געוואלט הרגנ'ן הבל, דער איז טאקע א גדול בישראל...

דער עולם האט זיך זייער געוואונדערט אויף דער אפט'ער רב, אז ער זאגט אזעלכע זאכן, ס'שטייט דאך נישט אין די הגדה 'בקש לעקור את הֶבֶל', ס'שטייט דארט 'בקש לעקור את הַכֹּל'. האט דער אפט'ער רב שפעטער ערקלערט אז ער האט פארשטאנען וואס די מעשה איז דא איז געווען, ווי איז איינגעפאלן פאר דער ראש הקהל אזא מאדנע שאלה, זעט אויס אז בשעת'ן זאגן די הגדה, האט ער נישט געקענט אזוי גוט די עברי, ממילא האט ער זיך טועה געווען צווישן 'הַכֹּל' און 'הֶבֶל', האט ער אים געענטפערט לויט זיין טעות, כמ"ש עם עקש תתפתל, אז אזוי שטייט טאקע אין די הגדה 'ולבן בקש לעקור את הבל'. ער כאן המעשה וואס מ'פארציילט נאך.

## אז דער עם הארץ האט אזוי געזאגט...

דער הייליגער מונקאטשער רב זי"ע דער מנחת אלעזר, אמאל פסח ביינאכטביים סדר האט זיך אזוי צושמועסט בדרך צחות, און ער האט פארציילט די מעשה הנ"ל, דער עולם האט זיך צושמייכלט פון דעם זיסע מעשה ווי דער אפט'ער רב האט געכאפט דעם עם הארצות פון דעם ראש הקהל, 'ולבן בקש לעקור את הבל', אבער פלוצלינג האט זיך דער מונקאטש'ער רב געגעבן א צינד אן, מיט אזא קאָך, און ער רופט זיך אן: "אבער אויב דער עם הארץ האט אזוי געזאגט, איז עס אוודאי' נישט קיין פשוט'ע זאך.." [אזויווי ס'זענען דא אסאך מעשיות פון צדיקים וואס זענען זיך געגאנגען אונטערהערן ביי עם-הארצים און געזאגט אויפדעם גאנצע פשטים און תורות], און דער מנחת אלעזר האט אנגעהויבן צו זאגן הויכע תורות, און ער האט אריינגעטייטשט כוונות מיט רמזים וואס מיינט דאס 'ולבן בקש לעקור את הבל' .

אונז פשוט'ע מענטשן אין לנו עסק בנסתרות, צו גיין אריינלערנען וואס מיינט דאס 'לבן בקש לעקור את הבל', אבער מ'קען עס נוצן אלס א סימנא מילתא, מ'וועט בדרך אסמכתא עס תולה צו זיין אין ענינים וואס קענען מרמז זיין אז לבן האט געוואלט טשעפענען מיט די ענין פון "הבל", אז ס'זאל שטימען מיט דעם לשון וואס דער עם הארץ האט געזאגט 'לבן בקש לעקור את הבל'.

## סוד פון "הבל" מיט יארן און ברכות פון יעקב אבינו

דער ענין פון בקש לעקור את 'הבל'. אז מ'קוקט אריין אין ספרים הקדושים זעט מען אז די גאנצע סוד פון די עבודה פון ראש השנה האט א קשר מיט די ענין פון הבל, קודם אלץ די טייטש פון הבל, הבל מיינט דאך די הייסע לופט וואס קומט ארויס פון די שופר, וואס דאס איז ממתיק אלע דינים. און אויך אלס די גימטריא פון הבל, ווייל 'הבל' איז מרמז אויף די שֵם ס"ג, [די צווייטע מילוי פון די ד' מילואי הוי"ה], הוי"ה באטרעפט 26, און אז מ'לייגט צו די מילוי איז עס נאך 37 כמספר 'הבל' איז עס ס"ג, און ס"ג איז די גימטריא פון מחי"ה, וואס די גאנצע ארבעט פון די הייליגע טעג איז דאך ממשיך צו זיין חיות.

[אויך ברענגט דער 'ברית כהונת עולם' נאך הייליגע רמזים, אז אין די ימים נוראים גייט דאך אלס מיט 'כתיבה' און 'חתימה', און אז מ'נעמט ארויס די ת' פון כתיבה (כיב"ה) איז עס די גמטריא פון הב"ל (37), די גמרא זאגט דאך אז ת' איז מרמז אויף ת' תחיה ת' תמות, און אז מ'נעמט ארויס די ת' פון חתימה איז עס מחי"ה (63).]

פון אר"י הק' שטייט [מובא בפי' השל"ה בסידורו] אז דער ענין פון מאה ברכות בכל יום, איז, ווייל יעקב אבינו ווען ער איז געבענטשט געווארן פונעם טאטן איז ער אלט געווען 63 יאר, און די מספר 63 צעטיילט מען אויף צוויי חשבונות, מ'רעכנט עס סיי פאר 63, און מ'רעכנט עס אויך פאר 37 אזויווי הב"ל די מילוי פון ס"ג, און 63 מיט 37 צוזאמען איז 100, וויבאלד ווען ער איז געווארן געבענטשט ווען ער איז געווען 63 די מספר פון ס"ג, וואס האט אין זיך אויך די מספר ל"ז קומט עס אויס צוזאמען דער ענין פון "מאה" ברכות, ממשיך צו זיין די ברכות פון יעקב אבינו.

זעען מיר אז דער סוד פון ראש השנה איז די מילוי פון שם ס"ג, וואס דאס איז כמספר הב"ל (37).

די מקור פון נישט שלאפן ראש השנה, איז דער לשון הירושלמי "מאן דדמיך בריש שתא דמיך מזלא", אז מ'זאל נישט פארשלאפן די מזל, הגם מיר ווייסן אז 'אין מזל לישראל', דאךאיז דא עפעס א בחינה וואס הייסט מזל און דאס טאר מען נישט פארשלאפן ראש השנה, און מ'דארף די גאנצע צייט אכטונג געבן אז די מזל זאל זיין בתוקפו.

## יעקב אבינו לערנט ביז מ'קומט אן צו "מזל"

קען אפשר זיין אזוי, ווען יעקב אבינו איז ארויסגעגאנגען מבית אביו האט ער זיך מתבונן געווען: 'פארוואס האט דער אויבערשטער צוגעפירט אז ער איז יעצט אלט ס"ג שנים, זעט אויס אז ער דארף יעצט טון די עבודה פון ראש השנה, די עבודה פון הב"ל די מילוי פון ס"ג, די עבודה פון מחי"ה, נו, גייט ער זיך אריין זעצן אין בית המדרש, און טאקע טון די עבודה פון ראש השנה. און וואס איז די עבודה פון ראש השנה? ממתיק צו זיין די רחל און די לאה, די דינא קשיא און די דינא רפיא!' ווען האט יעקב אבינו געוואוסט לויט זיין חשבון אז ער האט אויפגעטון וואס ער דארף אויפצוטון? ווען ער איז געווארן 77 יאר אלט, די גימטריא פון מז"ל! אז ער איז אנגעקומען צו דעם יארגאנג דאס ווייזט אז ער איז נישט פארשלאפן די מזל, ס'איז נישט געווען 'דמיך מזליה'. און דעריבער איז ער איז נישט געשלאפן פון ס"ג (63 יאר) ביז מז"ל (77 יאר), כדי צו קענען אויפטון די עבודה פון ראש השנה, און נישט צו פארשלאפן די מזל ח"ו.

שפעטער ווען ער איז געקומען צו לבן, 'לבן בקש לעקור את הבל', ער האט געוואלט צושטערן די גאנצע עבודה וואס יעקב האט געטון פון די ס"ג ביז די ע"ז, ער האט געוואלט זיך קעגן שטעלן פון ארויסצונעמען די הייליגע נשמות פון לאה און רחל, אבער יעקב אבינו האט זיך נישט דערשראקן און טאקע אריין געלייגט זיינע כוחות און זיינע עבודות, ער האט זיך נישט געלאזט אויסרייסן דעם הבל, די עבודה פון ראש השנה, און ער האט געארבעט נאך פערצן יאר און ממתיק געווען די קשיא און די רפיא, און ער האט ארויסגעברענגט לאה און רחל אוןביידע אריינגעברענגט אין צד הקדושה, מיט די גרעסטע קדושות, און די גרעסטע השפעות.

***